װאָכענבלאַט יאָרגאַנג (?)

№ 12

„CZENSTUCHOWER CAJTUNG". פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagiellońska Kraków

św. Anny 19

Piątek 19 marca 1937 | ליכט-צינדען 5.32 | פרייטאג פ' צו ז"ניסן תרצ"ז

האַלאָ וויעלון!

איך מאַך בעקאַנט די געעהרטע קליענטעלע, אַז מיין

קאָלאָניאַל-און שפּייז-געשעפט

איז פערזעהען מיט אַלע סאָרטען מעהל און שפּייז-אַרטיקלען צו ביליגע פּרייזן. אויך איז מיין געשעפט פערזעהען מיט אַלע אַרטיקלען

כשר לפסח. קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אכטונג

יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש, שלאַנסקאַ 20

(פריהער יודל יאַקובאָוויטש).

Zakład fryzjerski

damsko-męski

R. Offmanówna

CZĘSTOCHOWA, I-sza ALEJA № 5,

w podwórzu, na lewo, I piętro

wykonuje wszelkie czynności w zakres fryzjerstwa wchodzące jak: trwałą ondulację damską, czesania żelaskowe, manicure, farbowanie brwi i rzęs.

Męskie golenie strzyżenie mycie głowy

po cenach bardzo niskich.

מרכז דתי-תרבותי ע"י בית-הכנסת החדש.

יודאַאיסטישער אינסטיטוט ביי דער נייער שוהל

יעדען שבת, פּונקטליך 4 א זייגער נאָכמיטאג

קומען פאַר רעגולער די

מסבות עונג שבת

איינגאַנג פריי.

דער לאַנגיעהריגער דיפּלאָמירטער **טישלער**

פון בוי-אַרבייט

ל. קאַץ וואַרשאַווער 21.

מאַכט בעקאַנט, אַז עס ווערט אָנגענומען אַלערליי **בוי-אַרבייט** ווי אויך **געוועלב-איינריכטונגען**

די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט סאָליד, רעעל און צו מעסיגע פּרייזן.

געדענקט די אדרעס: **ל. קאַץ, וואַרשאַווער 21.**

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

Filja: Warszawska 37.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואַשען **קראַגענס** מיט לאַנג-דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פאַרבען אַלערהאַנד קליידונג.

גאַרדינען צו וואַשען און צו שפּאַנען.

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ'ן אָרט

אַלץ צו ביליגע פּרייזן.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

יעדען **שבת** א פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אַנהויב 8 אָוונט. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

פאַרבערייַ און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס.

2) פאַרבען לויט מוסטערן.

3) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט.

4) כעמיש רייניגען און פּאַטאַגירען קאַפּעלושן.

P. D-rowi M. WIZENFELDOWI

specjaliście chorób uszu, nosa i gardła za przeprowadzenie udanej operacji, wyrażam serdeczne podziękowanie.

W. Sułkowski.

בעקאַנטמאַכונג.

דער יודישער בעקער-צעך אין טשענסטאָכאָוו

מאַכט בעקאַנט, אַז די אונטען-אויסגערעכענטע בעקערייען געפינען זיך אונטער דער השגחה פון היגען ראַבינאַט און נאמנים און נאָר ביי זיי קען מען קויפען מצות כשר לפסח.

מאיר שיפער, מאָסטאָווע 13

דאַווידאָוויטש-זילבערפעלד, גאַרנצאַרסקאַ 28 (געוו. אַלטער מאַרק 14)

ישראל ויידמאַן, פּטאַשאַ 5 (געוועלב אַלטער מאַרק 18)

גרויעצקאַ-מאַניאַ גאָלדבערג, 1 אַלעע 5

יצחק סעצעמסקי, 1 אַלעע 2

ה. קאָזלאָווסקי-מ. פרישמאַן, 2 אַלעע 30

א. איילענבערג, גאַרנצאַרסקאַ 67 (געוועלב וואַרשאַווער 37)

ב. יאַראָנאָווסקי-ח. סעצעמסקי, נאַדזשעטשנאַ 28 (געוו. וואַרשאַווער 3)

פּנחס סעצעמסקי, וואַרשאָווער 103 (געוועלב וואַרשאָווער 12)

דוד פעלדמאַן, וואַרשאָווער 66

פייגעל אָזשעך, וואַרשאָווער 21

סמאָלאַרטשיק-אָוויעטשקאַ, נאַרוטאָוויטשאַ 10

יחזקאל קאָלין-לייזער געלקאָפּ, רינעק וואַרשאַווסקי 7-8 (געוועלב אַלטער מאַרק 11)

פענטשאַק-איצקאָוויטש, סענאַטאָרסקאַ 2 (געוועלב אַלטער מאַרק 9).

בעמערקונג: היות ווי צוליב די נידריגע פּרייזען פון מצות וועט רען אַרויסגעפיהרט גרעסערע טראַנספּאָרטען אין דער פרעמד, ראַטען מיר די טשענסטאָכאָווער יודישע בעפעלקערונג זיך בעצייטענס צו פערזעהען מיט מצות, כדי שפּעטער נישט צו האַבען קיין אונאַנגענעמליכקייטען.

מזל-טוב אונזער פריינד ה' **בענדעט זיסהאָלץ** און פרוי

צום געבורט פון זייער **זוהנעלע** זאָל ער אייך גרינג ערציהען וועלען

ישראל זקן באַרקאָווסקי, ראובן קאָזשעך און פרוי

הלל הערשליקאָוויטש און פרוי

Dużo szczęścia

MALI LANDSBERGER

życzą

(Wieluń) M. Zajdlerowie i A. Krzepicka.

Członkini naszej p. IDZIE KLAJNERÓWNIE

z intencji zaślubin z p. JÓZEFEM KAMIONEREM

wiele szczęścia życzy

Zrzesz. Kob. Żyd. WIZO w Wieluniu.

FABRYKA WYROBÓW METALOWYCH i DRUTÓW do PARAOSLI

D. WOLF i Z. GRABINER

Częstochowa, Staszica 8. Telef. 19-04 i 16-87.

przyjmuje do cementowania, hartowania, niklowania, mosiądzowania, lakierowania i oksydowania, jak również do szpicowania i krojenia drutu. CENY NADER PRZYSTĘPNE.

Odbieramy i odsyłamy towar na własny koszt.

טליתים זיידענע וואָלענע

ציצית, גאַרטלען, קאַפּלען, ספרים, הגדות, מחזורים, פּויליש העבּרעאישע ביכער א. ז. וו.

פראָנט געוועלב ב. יאָסעלעוויטשאַ 1.

ZAWIADOMIENIE.

Niniejszym uprzejmie zawiadamiam Sz. Klijentelę, że

pracownia ubiorów damskich

S. GELBHAUER

Katedralna № 10

została przeniesiona na tę samą ulicę:

Katedralna Nr. 7, front, parter.

Przytem zawiadamiam, że na nadchodzący sezon wiosenno-letni sprowadziłem najnowsze modele i żurnale.

Polecam się nadal względom Sz. Klijenteli.

S. Gelbhauer, Katedralna 7, front, parter.

Wszyskie moje koleżanki, kolegów i znajomych zapraszam na uroczystość zaślubin, odbyć się mającą dn. 21.III r. b. w Łodzi u Wajsa, Piotrkowska 16, o godz. 8-ej wieczorem.

RÓZIA ZELKOWICZÓWNA.

Specjalne zaproszenia nie będą wysyłane.

(Wieluń).

MALI LANDSBERŻANCE z intencji Jej zaręczyn wiele szczęścia życzą

(Wieluń) MINIA i LITKA.

ב"ה

גאָלדאַ פראַריל מאָשקאָוויץ
פּנחס הערשליקאָוויץ

מאורשים

טשענסטאָכאָוו — בחודש ניסן תרצ"ז — וויעלון

טיעפע האַרציגע ברכות צו דער פערלאָבונג. פון אונזער טאָכטער און שוועסטער וויגשען

עלטערן און געשוויסטער

צו די תנאים פון אונזער שוועסטערן-טאָכטער **געניאַ מאָשקאָוויטש** מיט ה' **פּנחס הערשליקאָוויטש** א האַרציגען מזל-טוב

די עלטערן פיעל נחת ווינשען

אברהם אַרענבאַך און פרוי.

ידידי וחברי **פּנחס!** קבל ממני ברכת מזל טוב לארישך את העלמה מרת **גאָלדאַ מאָשקאָוויץ** מצינסטחוב, יהי צעדך הראשון בחים סוגה בשושנים.

מברך

יצחק דוד שפּילבערג.

צו די פערלאָבונג פון געוו. לאַנגיעהריגען סעקרעטאַר און בוכהאַלטער פון דער „גמילת-חסדים"-קאַסע אין וויעלון, געעהרטען ה' **פּנחס הערשליקאָוויטש** מיט פרל. **ג. מאָשקאָוויץ** טשענסטאָכאָוו א האַרציגען מזל-טוב מיט פיעל גליקווינשען.

די **פערוואַלטונג** פון דער **„גמילת-חסדים"-קאַסע** אין וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון געוועזענעם לאַנגיעהריגען סעקרעטאַר פון „לינת הצדק" **פּנחס הערשליקאָוויטש** מיט פרל. **גאָלדאַ מאָשקאָוויטש** פון טשענסטאָכאָוו ווינשט א מזל-טוב.

די **פערוואַלטונג** פון **„לינת הצדק"** אין וויעלון.

אונזער שיתוף און פריינד ה' **יחיאל הערשליקאָוויטש** און **פרוי** צו די תנאים פון זייער זוהן **פּינטשע** מיט פרל. **געניאַ מאָשקאָוויטש** פון טשענסטאָכאָוו ווינשען מיר גליק און נחת

די **מיטאינהאַבער** פון **מלין ספּולקאָווי** וויעלון.

ה' **יחיאל הערשליקאָוויטש** צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן **פּינחס** ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת.

א. סאָבעלמאַן און פרוי.

טאָבע בערקאָוויטש ד"ר יצחק פרעהליך

פערהייראַט

וויעלון אין מערץ 1937 י.

אונזער פריינד און שותף ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי צו דער התונה פון זייער ליבע טאָכטער **טאָבע** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך** מזל-טוב און פיעל נחת און דעם יונגען פּאָר א גליקליך צוזאַמענלעבען ווינשען

ברוך יעקב זעלקאָוויטש, פרוי און פאַמיליע, שושנה זעלקאָוויטש, ישראל מאסלאָ.

אונזער פעטער און מוהמע דניאל און ברײַנדל פרעהליך ווי אויך אונזערע פריינד ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייערע קינדער פרל. **טאָבע בערקאָוויטש** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך** אונזערע וואַרימסטע ברכות די עלטערן, דעם יונגען פּאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשען

הירשל וואָלמאַן און פרוי, פייוויש סקזשיניאַ און פרוי

אונזער פריינד ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער פרל. **טאָבע** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך**

פיעל נחת און גליק ווינשען

אשר מענדלעוויטש און פרוי, מאַטעק זיידלער און פרוי

מזל-טוב אונזער פריינד ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער פרל. **טאָבע** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך**

דעם יונגען פּאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשען

יודל רינג און פרוי, אליהו קאָרן און פרוי

מיין ג' שעף ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער פרל. **טאָבע** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך** מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען

פּנחס ברום און פרוי

אונזער ג' שעף און פריינד ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער פרל. **טאָבע** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך** מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען

חיים שמואל גראָסמאַן און פרוי, בעריש גראָסמאַן און פרוי.

דעם ה' לייב בערקאָוויטש צו דער חתונה פון זייער ל. טאָכטער א הערצליכען מזל-טוב

יעקב אנקלעוויטש און פרוי

אונזער קוזין און פאַמיליע ה' לייב בערקאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **טאָבע** מיט ה' **ד"ר יצחק פרעהליך** ווינשען מיר א האַרציגען מזל-טוב, דעם יונגען פּאָר אייביגע צופרידענהייט

דניאל יאַבלאָנסקי און פרוי, סענדער קאָהן און פרוי.

Koleżance mojej TOBCI BERKOWICZÓWNIE z inteneji Jej ślubu życzę wiele szczęścia.

R. SZTERENBERŻANKA.

באַטיצען.

יודישע קולטור

טשענסטאכאוו האט אַנ'עדה פון 30 טויזענד יודען און ס'איז נישטאָ קיין איין שולע, וועלכע זאָל פיהרען די למודים אין דער יודישער אונטערריכטס-שפּראַך.

מיר ווילען נישט אריינגעהן אין קיין דיסקוסיע וועגן דער שפּראַכען-פּראַגע–צי עס זענען גערעכט די העבּ-רעאיסטען אָדער די יודישיסטען, א פאַקט איז אָבער, אז בעת אין קליינע שטעדטלעך פון פוילען עגזיסטירען פערשידענע טיפּען שולען, סיי יודי-שיסטישע סיי העבּרעאיסטישע, פער-מאגט דאס יודישע טשענסטאכאוו נישט קיין איין אַזאַלכע שולע.

די דאָזיגע געדאַנקען זענען מיר געקומען אויפ'ן רעיון אין צוזאמענ-האנג מיט דער אקציע, וועלכע ס'פיהרט די טעג אַדורך ביי אונז אין שטאדט דער שליח פון דער ציש"א אין ווארשא.

יאָ מסכים מיט'ן גייסט פון דער ציש"א, צי נישט מסכים–א יודישע שולע, וואו די יוגענד זאָל נישט פער-פרעמדט ווערען פון דער יודישער לי-טעראַטור, פון דער יודישער שפראך, דאַרף אָבער פאַרט זיין. אַנדערש וועט דאָך די יוגענד, דער יודישער דור, נישט האבען קיין אָהנונג וועגן דער יודישער קולטור, וועגען דער שפראַך פון פיעל מיליאָנען פון יודישען פאָלק.

פריינד פון דער יודישער ליטעראַ-טור פלאַנען צו עפענען א נאַכמיטאַג-שולע פאַר די קינדער פון די פאָוו-שעכנע-שולען און אויך דאס געהט צו אזוי שווער.

מען קאָן דאָך נישט זאגען, אז די גאנצע דרייסיג טויזענד יודען אין טשענסטאכאוו זענען אסימילאַטאָריש געשטימט אוודאי זענען דאָ א סך, וועלכע פיהלען די נויטווענדיגקייט, אז זייערע קינדער זאָלען זיך בעקאַנען מיט דער שפראַך פון זייערע עלטערן, זיך אויסלערנען שרייבען א יודיש בריוועל, פונדעסטוועגען הויבען זיך נישט די הענד עפּעס צו טהון.

אפשר וואָלט איצט, אין א צייט, ווען מיר ווערען אזוי עקאָנאָמיש און מאָראַליש אונטערדריקט, שוין געוועזן די העכסטע צייט, אז מען זאָל וועגען דעם ענין עפּעס אויפטהון.

יודישע ארבייט.

צו אונז אין רעדאַקציע האבען זיך געוואָנדען עטליכע היגע אנגעזעהענע בעלי-בתים, וועלכע האבען געבעטען, אַז מיר זאָלען בעריהרען אויף די שפאַלטען פון אונזער צייטונג די פראַ-גע וועגן בעשעפטיגען יודישע משרתים אין יודישע הייזער.

די דעלעגאַציע האט דערביי אויסגע-רעכענט, אַז אין אַזאַ טשענסטאכאוו זענען ביי יודישע פאַמיליעס בעשעפ-טיגט עטליכע טויזענד משרתים און ווען מען וואָלט נאָר געהאלטען יודישע מיידלעך, וואָלט געקומען אַ גרויסע ישועה אויף א סך אָרימע יודישע פאַ-מיליעס.

מיר האבען אָבער אָנגעוויזען, אַז לויט דעם ווי מיר זענען אינפאָרמירט, ווענדעט זיך נישט אַלץ בלויז אין די בעלי-בתים, וועלכע וואָלטען אפשר גערן בעשעפטיגט יודישע משרתים; עס איז ליידער אַ צרה, וואס יודישע מייד-לעך ווילען נישט גערן געהן אויף קיין משרת-פאָסטען. ס'זענען געוועזן פאַלען, וואו אין פערשידענע הייזער האט מען דוקא געוואָלט צונעמען יודישע משרתים און מען האט אַזעלכע נישט געקאָנט בעקומען. און ווידער האט פאַסירט, ווען יודישע משרתים האבען זיך צוּ-ליעב קאַפּריזען נישט געקאָנט דער-האַלטען אויף די פאָסטענס און מען האט אויף זייער אָרט געמוזט צונעמען נישט יודישע משרתים.

— מיר ווייסען דערפון–האט אונז געענטפערט די דעלעגאציע,–און טאקי דערפאַר ווילען מיר, אַז איהר זאָלט דעם דאָזיגען אַנגעוועהטאַגטען ענין בעריהרען, מיר האלטען, אז מען דאַרף אָפּלערנען נישט בלויז צו די אַרבייטס געבער, נאָר אויך צו די אר-בייטס-נעמער, עס דאַרף קומען די פערשטענדיגונג פון ביידע צדדים, די יודישע בעלי-בתים דאַרפען נעמען אין אַכט, אז אין דער איצטיגער צייט, ווען עס זענען פערהאַנען אזוי פיעל יודישע אַרבייטסלאָזע, וועלכע קאָנען נישט בעקומען קיין בעשעפטיגונג, דאַרף מען זיי בעשעפטיגען; די יודישע מיידלעך ווידער, וועלכע ליידען נויט און דחקות, דאַרפען פערשטעהען, אז יעדע אַרבייט איז וואס פאַר א פאָרם זי זאָל נישט זיין, איז נישט קיין שאַנדע. און אנשטאט צו ליגען אויפ'ן קאַרק פון זייערע אָרימע עלטערן. קאָ-נען זיי פערדינען זייער חיונה בכבוד.

איבריגענס, איז איצט אין ווארשא געגרינדעט געוואָרען א שולע, וואו מען לערנט יודישע מיידלעך הויז-די-נער'שאַפט און ווי די צייטונגען בע-ריכטען האבען זיך אין דער דאָזיגער שולע פערשריבען א סך בעלי-הבתישע קינדער.

עס דאַרף דעריבער–פערענדיגט די דעלעגאציע זייער מיינונג – זיין די

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די יודישע געזעל. גימנאזיעס

פערגאנגענעם זונטאג איז אין איי-גענעם לאָקאל פאָרגעקומען די יעהר-ליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די היגע יוד. געזעלשאפטליכע גימנאזיעס.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ה' פ. שפירא, וועלכער בעט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דעם אנדענקען פון ד"ר יהושיע טהאָן. דאַן מעלדעט ער, אז די לייטונג איבער דער שולע האט זינט דאס שול-יאהר איבערגענומען דירעקטאר אַניספעלד, וואס איז א גאראנטיע, אז די שולע וועט געפיהרט ווערען פון א זיכערע און געניטע האנד.

אלס פאָרזיצער ווערט איינגעלאַדענט ה' מ. זאנדשטיין, אלס בייזיצענדע די ה"ה: י. גאלדשטיין, העגריק שפאָלטען און סעקרעטאר ה' מ. לעוואָקאוויטש.

נאכ'ן דורכלעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער לעצטער אלגעמיינער פער-זאמלונג גיט אָב דעם בעריכט ה' פ. שפּירא.

די שולע עגזיסטירט 20 יאהר און ענטוויקעלט זיך וואס א יאהר אלץ בעסער און האט בעקומען די פולע אנערקענונג פון דער ברייטער יודישער געזעלשאפט. דערביי גיט דער בעריכטס-געבער איבער פאָלגענדע ציפערען פון די לעצטע יאהרען. אין שול יאהר 1934–1935 האט די שולע אויף 281 שילער געגעבען 183 הנחות אויף 46.058 זל. אין 1935–36 אויף 308 שילער 209 הנחות אויף דער סומע פון 44.610 זל. אין לעצטען יאהר אויף 385 שילער 280 הנחות אויף דער סומע פון 61.677 זל. אויך לערנען זיך 10 שילער, וועלכע האבען אבגעגעבען די קאָנקורס-עקזאמענס אינגאנצען אומזיסט.

אין די אָנהויב-שולען ווערט איינגע-פיהרט צו לערנען ענגליש אנשטאט דייטש.

דירעקטאר אניספעלד בעריכטעט וועגען די פעדאגאגישע דערגרייכונגען. ער זאגט, אז ס'האט פערנומען א גע-וויסע צייט, ביז ער האט זיך בעקאַנט מיט די שילער, עלטערן און בעדינ-גונגען. אין משך פון האלבען שול-יאהר בעריכטעט דער דירעקטאר איז געלייגט געוואָרען מעהר אַכט אויף די יודאאיס-

אויסגאבע פון דער היגער יודישער געזעלשאפט זיך צו פעראינטערעסירען מיט'ן דאָזיגען ענין, אזוי אז טויזענדער יודישע מיידלעך. זאָלען קאָנען בכבוד בעקומען אַרבייט.

ש.

טישע למודים ווי אויך אויף דער ער-ציהונג פון די שילער. אויך ביי די היינטיגע מאַטורא עקזאמענס ווילען די שילער מוזען בעלייגען עקזאמענס פון יודאַאיסטיק און פון דער העבּראעישער שפּראַך. דאס איז נויטיג, כדי די מא-טוריסטען זאָלען קאָנען אָנגענומען ווע-רען אין אוניווערזיטעט אין ירושלים.

עס זענען געגרינדעט געוואָרען נאכ-מיטאג-קרייזען, וואו די שילער קומען זיך צונויף מיט זייערע ערציהער. עס איז אויך געגרינדעט געוואָרען א כאָר, ריטמיק אד"גל.

גלייכצייטיג מעלדעט דיר. אניספעלד, אז פאַר די שילער איז געדינגען גע-וואָרען א ווילע אין ריטרא, (פיעניגען) וואו ס'ווערט היי-יאהר איינגעאָרדענט א קאָלאָניע.

צום סוף ווענדעט זיך דער דירעק-טאר צום בוי-קאָמיטעט זיך צו בעמי-הען, אז צום נייעם שול-יאהר זאָל דער נייער שול בנין זיין פערטיג און עס איז צו האָפען, אז דער ליצעאום וועט בעשטימט ווערען פאַר די יוד. געז. גימנאַזיעס.

אָהן דיסקוסיע ווערט דער בעריכט גענומען צו קענטניס און ס'ווערט אויס-געדריקט אַבסאָלוטאָריום דער אבטרע-טענדער פערוואַלטונג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 101.900 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אין דער פערוואַלטונג ווערען אויפ-סנייע אויסגעוועהלט די ה"ה: פ. שפּירא, ג. לאַנדוי, ש. ראַדאַל, וו. איצעק און יאקוב גאָלדשטיין. אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע די ה"ה: מ. מאָקושינסקי, א. סויקא און י. שטאָקמאַן.

עס ווערען דאַן אָנגענומען פאָלגענ-דע פרייע פּאָרשלאָגען. א) אלע שול קינדער ווערען פערזיכערט פון פאַר-פאַלען; ב) עס ווערט אויסגעדריקט א דאנק דעם עלטערען-קאָמיטעט פאַר דער טיכטיגער ארבייט א גאנץ יאהר לטובת דער שולע און ג) א דאנק–דעם בוי-קאָמיטעט פאַר זייער גראַנ-דיעזען אויפטהו מיט בויען אַנ'איינגענע געביידע פאַר'ן גימנאַזיום.

צום סוף ווענדעט זיך די פערזאמ-לונג צו אלע עלטערן, אז זיי זאָלען זיך נאָכאַמאָל בעשטייערען מיט די זעלבע סומעס, וועלכע זיי האבען שוין איינמאל איינגעצאהלט, כדי צו ער-מעגליכען דאס פערענדיגען דעם הער-ליכען בנין ווי אַמשנעלסטען.

מיט דעם ווערט די פערזאמלונג גע-שלאָסען.

פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט.

כמעט טאָג-טעגליך ווערען דורך דער ביבליאָטעק ערוואָרבען פרישע ביכער. פון די ווערק, וועלכע זענען פוריגע וואָך צוגעקומען אין דער ביבליאָטעק איז כדאי צו דערמאנען דאס יאהר-בוך „כנסת", ארויסגעגעבען דורך דער יו-דישער אַגענץ אין ירושלים צום אנ-דענק פון ח. נ. ביאַליק, ווי אויך די „שירי החול" פון בעריהמטען דיכטער און פילאָזאף משה אבן עזרא, וועלכער האט געלעבט אין שפאַניען אין צוועלפ-טען יאָהרהונדערט.

– מאָרגען, שבת, פונקטליך 4 אַ זייגער נאכמיטאג קומט פאַר אַ מסבא עונג שבת, אויף וועלכען פראָפ. ב. וויינבערג וועט רעפערירען דעם המשך פון דער טעמע: „ר' יהודה הנשיא – די פערזענליכקייט און זיין ווערק".

פון דער יודישטאַטס-פּאַרטיי

שבת, דעם 20-טען ד. ח. 8.30 א זייגער אין אָוונט קומט פאַר אין איי-גענעם לאָקאל (ב. יאַסעלעוויטשאַ 9) אַנ'אָוונט אונטער'ן נאמען א לעבע-דיגע צייטונג מיט א זעהר רייכען הומאָריסטישען פראָגראַם. מיט דער בעטייליגונג פון מיסטער זעליגפעלד און אנדערע. אויפ'ן צימבעל וועלען געגומען ווערען אלע פריש און אלט געבאַקענע פאַרטיי טהוער. חברים און סימפאַטיקער ווערען געבעטען פונקטליך צו קומען.

דער שטרייק פון די גייסטיגע אַר-בייטער אין „סטראַדאָם" דויערט.

אין מיניסטעריום פאַר געזעלשאפט-ליכער שוץ איז פערג. שבת פארגעקו-מען א קאָנפערענץ וועגען דעם קאָנ-פליקט צוליב די לויהנען פון די ווע-כענטליך געצאַהלטע גייסטיגע ארבייטער פון דער פאבריק „סטראַדאָם" אין טשענסטאכאוו.

די דעלעגאַטען האבען פאָרגעשטעלט דעם פערלויף פון קאָנפליקט און דער מיניסטעריום - דעלעגאט האט דערויף ערקלערט, אז ס'וועלען אָנגעוואָנדען ווערען אלערליי בעמיהונגען ווי אַמ-שנעלסטען צו ליקווידירען דעם קאָנ-פליקט.

דער אָקופּאַציע-שטרייק אינ'ם ביוראָ פון דער פאבריק דויערט ווייטער ביים אנטייל פון 29 פערזאָן. איינע פון די פרויען-אנגעשטעלטע איז א פערחלש'טע אַבגעפיהרט געוואָרען אין שפיטאַל אריין.

די נאָהנטסטע טעג זאָל אויך פאָרקו-מען א צווייטע קאָנפערענץ.

עד כאן אומרים...

א שבת-הגדול פעליעטאָן.

די חו"ל, וועלכע האבען מתקן גע-ווען, אַז שבת הגדול זאָל מען נאָר זא-גען אַ האַלבע הגדה, האבען געהאט אַ ווייטען בליק. זיי האבען געוואוסט, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מענשען וועלען רעדען נאָר האַלבע ווערטער, זיי וועלען נישט דערזאגען דאס, וואָס זיי טראַכטען באמת.

ווען מיר גיבען אַ קוק, ווי אַזוי אונזערע פּאָליטיקאַנער, וועלכע פיהרען די וועלט ביים קאָפּ, רעדען – ווילען מיר זיך איבערצייגען, אַז זיי אַלע רע-דען נישט דאס, וואס זיי מיינען, זיי זאגען נאָר אַ העלפט, זיי צייכענען זיך אָן: עד כאן, ביז דאנען מעגען זיי רע-דען, דאס איבריגע אָבער וועלען זיי טהון...

דייטשלאַנד פערמאָגט אַ גרויסען רעדנער. זיין גאנצער כח, מיט וועלכען ער האט בעצוואונגען די מאַסען, איז געוועזן דער כח-הדבור. ער דערצעהלט כסדר וועגען די נסים ונפלאות, וואס ער קלויבט זיך צו ברענגען פאַר זיין פאָלק, און היות ווי ער האט נישט דערזאגט די גאנצע הגדה, האט דער עולם געמיינט, אַז עס וועט זיי זיין גוט ווי די וועלט און זיי האבען איהם געגלויבט. וועגען די מכות מיט'ן דם וצפרדע און דעם ביד חזקה, וועלכע הערשען היינט איבער מצרים-דייטש-לאַנד און מאַכט א חורבן אין לאַנד, האט ער נישט דערזאגט.

דאס זעלבע איז בעת דער דאָזיגער דייטש רעדט וועגען דער אויסערן-פּאָליטיק. אויך דאָ דערזאגט ער נישט דאס, וואס ער האט אין זינען. אין דער ערשטער צייט האט מען נאָך גע-האט אַנ'אילוזיע: טאָמער דאָך – אפשר מיינט ער טאַקי שלום. מיט דער צייט אָבער האט זיך די וועלט איבערצייגט, אז ער זאָגט נאָר די האַלבע הגדה, וואו עס רעדט זיך וועגען פרידען, דאָ-געגען דערזאָגט ער נישט די צווייטע האַלבע הגדה – וואו ס'רעדט זיך וועגען שפוך חמתך.

אין דעם פאַל וואָלט געוועזן שוין הויכע צייט, אַז די וועלט זאָל איהם זאָגען: עד כאן אומרים – גענוג גע-רעדט, ס'וואָלט שוין צייט געווען אינ-גאַנצען נישט צו רעדען.

די נישט אינטערוועניץ קאָמיסיע אין ענין שפּאַניען זאגט אויך נאָר א האַל-בע הגדה. זיי רעדען מכלומרשט וועגען אַ נישט אינטערוועניץ מיט אַ קאָנטראָל אויף דער יבשה און אויפ'ן ים. דער-ווייל אָבער שיקט איטאַליען צו הילף די אויפשטענדער רעגולער מיליטער און אויך דייטשלאַנד שלאָפט נישט.

ווען די פאָרשטעהער פון דער שפּאַ-נישער רעגירונג פּראָטעסטירען געגען דעם און הויבען אָן צו שרייען צו ענגלאַנד און פראַנקרייך: היתכן, וואו איז אייער צוזאג וועגען דער נישט-אינטערווענץ? הויבען זיי אָן צו שטאַמ-לען און דערזאגען נישט זייערע אמת'ע כּיוונות.

אויך דאָ וואָלט שוין צייט געווען דער עד-כאן, ס'זאָל אויפהערען די ברי-דער-מלחמה צווישען שפאַנישען פאָלק.

די ענגלישע אַדמיניסטראַציע-בעאמטע אין ארץ-ישראל זענען גאָר גרויסע מזיקים צו זאגען נאָר א האלבע הגדה. זיי האבען צוגעזאגט אויסצופיהרען דעם מאַנדאַט; וואס זיי האבען אָבער אין זינען, זאָגען זיי נישט. איבריגענס, איז עס זיך נישט שווער אָנצושטויסען, ווארום דאס וואס די ענגלענדער דער-זאגען נישט, פיהרען אויס די אַראַבער, און אַז מיט דעם זענען די ענגלענדער מסכים איז אַ פאַקט, ווייל ווען נישט, וואָלטען זיי דאָך נישט דערלאָזט צו אַזעלכע טעראָר אַקטען.

די יודען אין ארץ ישראל, וועלכע האבען זיך די גאנצע צייט צוגעהערט צו די זיסע רייד פון דער הגדה פון די ענגלענדער, ווערען אָבער מיעד און זיי וועלען פאָדערן: עד כאן אומ-רים – גענוג שוין גערעדט און צוגע-זאגט, ווייטער געהט נישט. אויב איהר וועט נישט שיצען אונזער לעבען, ווע-לען מיר זיך אליין שיצען. נישט-קשה, מיר האבען נאָך כח דערצו, ווארום באמת ווי לאַנג איז דער שיעור פון זאגען נאָר א האלבע הגדה.

דערפאַר אָבער הערט מען שוין ביי אונז אין פוילען זאגען די גאנצע הגדה. דאָ רעדט מען גאַנץ אָפען, אַז מען וויל די יודען צונעמען די פרנסות, ארויסיאָגען פון לאַנד, און פערהאנען אויך ביי אונז א סך, איבערהויפט די אַקאַדעמיקער, וועלכע בעגניגען זיך נישט בלויז מיט'ן זאגען, נאָר פיהרען אויס מעשים.

טאָמער וועט איהר אָבער פאָרט אָנ-טרעפען אויף אזעלכע ביי אונז, וועל-כע רעדען צו אייך זיסע מענשליכע רייד, דאַן זאָלט איהר וויסען, אַז זיי זאגען נאָר אַ האַלבע הגדה. עס איז נישט זיי צו דער האַנד. כ'ווייס, און אפשר האבען זיי אַנ'איינגעבוירענע „אינטעליגענץ", אַז זיי זאָלען נישט קאָנען זאגען דאס, וואס מען מוז היינט זאגען. פאַקטיש אָבער דערזאגען זיי נישט, וואס זיי טראַכטען.

גאָמעניו, פאטער, ווי לאַנג איז דער שיעור דאס אויסצוהאלטען. אפשר וואָלט שוין פאַרט געווען צייט צו זא-גען: עד כאן, שוין, א סוף זאָל עס נעמען, ווארום אויב עס וועט נאָך לענגער דויערען דער דאָזיגער צו-שטאַנד, וועט פאַקטיש נישט זיין אויס-צוהאלטען.

זענען אונזערע צרות נאָך וויניג, קומען נאָך א זשאַבאָטינסקי און איצט א „באַראָן" פאָן ווייזעל, וועלכע שי-טען נאָך צו זאַלץ צו אונזערע וואונ-דען. אויך זיי האלטען אין איין זאגען די הגדה, וואו ס'דערצעהלט זיך ווע-גען יציאת פוילען, איי, דאס רעדען איז נישט מעהר ווי געהאַקט א טשייניק – אונזערע שונאים קוועלען אָבער פון נחת און בעווייזען מיט אותות ומופתים, אז מיט זייער אַנטי-יודישער העצע זענען זיי גערעכט, והא ראיה, אז אפילו יודען און לויט די ענדעקעס מיינונג, די אמת'ע יודען, האלטען אויך פון דעם, דאס יודען מו-זען וואס שנעלער פערלאָזען פוילען.

צי וואָלט נישט צייט געוועזן, אז די יודען אין פוילען זאָלען געבען א קלאַפּ אין טיש און זאגען די דאָזיגע יודישע עוואַקואַציע-העלדען: עד כאן אומרים–גענוג גערעדט נאַרישקייטען, און איבערהויפט אין וועמענס נאמען רעדט איהר, ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט צו זאגען די הגדה, מוחל טובות:

ווארט נאָר א מינוט, צו וואס דאַרף מען זוכען ביי אנדערע, אז מיר הא-בען דאס זעלבע ביי אונז אין בוזעם. אָט קען איך היגע יודישע כלל-טהוער, וועלכע האלטען אויך, אז ביי יודען דאַרף מען נאָר זאגען א האלבע הגדה און די צווייטע האלבע הגדה דער-צעהלט מען שוין ביי נישט-יודען...

אין דער ערשטער האלבער הגדה, וואס מען רעדט צווישען יודען, דער-צעהלט מען וועגען נאַציאָנאַלען שטאָלץ, און דערביי שטעלט מען זיך ארויס פאַר די העלדען, וועלכע קעמפען דרייסט און מוטיג פאַר די יודישע פּאָסטולאַטען. מען אַגיטירט פאַר אַנ'-אָריענטאַציע אויף דער דעמאָקראַטיע, שיעור-נישט אויף סאָציאַליסטען, מען רעדט וועגען דעם, אז די יודישע קהלות דאַרפען זיין די קעמערלעך פון דער קינפטיגער נאַציאָנאַלער אויטאָ-נאָמיע אז"וו אז"וו. דאס איז אַלץ אין דער ערשטער העלפט הגדה, וואס ווערט געלעזען פאַר יודען. אין דער צווייטער האלבער הגדה אָבער, וואס ווערט דורך די זעלבע „נאַצואָנאַלע העלדען" געליינט פאַר נישט-יודען, רעדט מען שוין גאָר גאַנץ אנדערע דבורים, ווערטער פיעל מיט חניפה, הכנעה, מיט איינגעבויגענע רוקענס, און ווען מען דאַרף טאַנצט מען נאָך מה-יפית. בכלל זענען די דבורים, וואס געהען ארויס פון זייער מויל, העסליכע, פול מיט בלבולים אויף אייגענע ברי-דער.

קוקט מיך נישט אָן מיט אַזעלכע אויגען, כ'דערצעהל אייך נישט קיין מעשה פון בויבעריק און אויך נישט פון דער הגדה, נאָר לעבעדיגע פאַק-טען, וואס פאַסירען היינט אין טשענ-סטאכאוו, פאַר אונזערע אויגען.

אָה, וואָלט שוין צייט געווען, אז צו די דאָזיגע כלל-טהוער זאָל דאס יודישע פאָלק זאגען: עד כאן אומרים...

סמאל

די מלחמה-קרענק און די רפואה

א מענש אהן מוט, וואס האט מורא צו רעזיקירען זיין לעבען, האט אמאליגע צייטען נישט געהאט מיט וואס צו ברענגען זיין שבט אדער שפעטער זיין פאלק קיין נוצען. דערפאר איז אנגענומען געווארען ביי דער מענשהייט, צו בעטראכטען די אייגענשאפט מוט פאר דער ווירדיגסטער אייגענשאפט. פעהלען פון מוט, די מורא פאר'ן טויט איז פעררעכענט געווארען פאר א מיאוס'ע חרפה,—פאר'ן גרעסטען חסרון, ערגער ווי דאס פעהלען פון בילדונג און וויסענשאפט. א סך מענשען, צווישען זיי הויך-בענאבטע און טאלאנטפולע, כדי אויסצומיידען די חרפה פון מוטלאזיגקייט, האבען פערלוירען זייער לעבען אין צוויי-קאמף, (דועל) נישט ברענגענדיג דער מענשהייט דעם נוצען, וועלכען זיי זענען מיט זייער טאלענט און וויסען פעהיג געוועזן צו ברענגען.

דאס קומט דערפון, וואס די מענשהייט האט דעם בעגריף קאמף, וועלכען זי האט גע'ירשנ'ט פון דער חיה, אנערקענט פאר דער ווירקזאמסטער און ווירדיגסטער האנדלונג אין געזעלשאפטליכען לעבען, זי האט נישט געפונען קיין בעדארף, די פיזישע ניינונג צום קאמף אין זיך צו אונטערדריקען, זי האט איהר געהאלטען אין איין ענטוויקלען און האט דעם מיטעל קאמף אוועקגעשטעלט אויפ'ן חשוב'סטען ארט. דער מאראלישער, הומאנישער געפיהל האט אין מענשען געשלאפען, געהאנדעלט אין איהם האט נאר דער כוח, דער געוואלד, דעריבער איז דאס, וואס ער האט גענומען מיט כוח, מיט געוואלד, אנערקענט געווארען ביי איהם אויך רעכטליך פאר זיין אייגענטום.

אין דער ערשטער סטאדיע פון זיין עגזיסטענץ האט דער מענש געקעמפט מיט דער חיה, וועלכע האט איהם געדיענט פאר שפייז, שפעטער, אז עס זענען געווארען מעהר מענשען, האט מען געקעמפט איינער מיט'ן אנדערען אזוי ווי פריהער מיט דער חיה. א חוץ דער וויסענשאפט, וועלכע לערנט אונז, פון וואנען מיר קומען ארויס, דערצעהלט אונז די געשיכטע, אז מיר שטאמען נישט פון קיין גרויסען יחוס, אז אונזערע אורעלטערן זענען געווען בארבארען און זענען געשטאנען מאראליש אויף דער זעלבער מדרגה, ווי די נאטור-מענשען, וועלכע מיר האבען געפונען אין אמעריקא, אפריקא, אויסטראליע, בעפאלען, הרג'ענען א צווייט פאלק און צונעמען ביי איהם, וואס ער האט, איז געווען א בעגליכע און גערעכטליכע ערשיינונג.

שפעטער, אז די מאראל ביים מענשען האט זיך מעהר ענטוויקעלט, איז אנערקענט געווארען פאר אנ'עולה די רציחה איבער א מיטגליד פון אייגענעם פאלק, אבער איבער א מיטגליד פון אנ'אנדער פאלק, נאציע, ראסע-מלוכה, איז געוועזן מותר און יושר'דיג לכל הדעות.

צווישען די גנאסטיגער איז געוועזן א סעקטע, וועלכע האט זיך אנגערופען „קאניאטען", דאס הייסט אנהענגער פון קין, וועלכער האט אין זייערע אויגען סימבאליזירט און אפאטעאזירט דעם פרינציפ פון כוח, פון געוואלד, הבל אלס א שוואכלינג, האט נישט פערדינט קיין סימפאטיע.

ביי די גריכען איז געוועזן איינגעפיהרט יעהרליך א וועט-קאמף צווישען דער יוגענד, אונטערן נאמען ביאמאסטיגאטיס: דער אנטיילנעהמער פון וועט-קאמף פלעגט אויפ'ן אלטאר ביי דער געטין ארטעמיד'ע, דארפען איבערטראגען קלעפ, נישט ארויסווייזענדיג דערביי קיין צייכען פון ווייטאג, אויב איינער האט אונטער די קלעפ ארויסגעלאזט די נשמה, פלעגט ער דערפאר קומען צו קבורה מיט גרויס פאראד, בעקרוינט מיט לארבער-בלעטער, ווי א העלד, וועלכער איז געפאלען אויפ'ן שלאכטפעלד.

מיר וויסען, אז אונזערע אור-עלטערן פלעגען ברענגען מענשליכע קרבנות, עלטערן פלעגען ברענגען פאר א קרבן זייערע קינדער. די ביבל דערצעהלט, אז דער קעניג אחז, וועלכער האט געלעבט אין זעקסטען יאהרהונדערט און דער קעניג מנשה, וועלכער האט געלעבט אין פינפטען יאהרהונדערט פאר קריסטענטום, האבען זייערע זיהן געבראכט פאר א קרבן. דער קעניג יאשיהו, וועלכער האט רעגירט ס"ה עטליכע און צוואנציג יאהר פאר'ן חורבן פון בית ראשון, האט ערשט דאמאלס אבגעשאפט דעם פלאץ תופת, וועלכער איז געלעגען אין טאל הינום (גהינום, פונדאנען שטאמט דאס ווארט גיהנום) און איז געוועזן בעשטימט פאר'ן ארט, פון וועלכען יודען פלעגען ברענגען זייערע קינדער פאר קרבנות. דאס ארט האט געהייסען תופת, ווייל בשעת מ'פלעגט ברענגען דעם קרבן, פלעגט מען פויקען, כדי די עלטערן זאלען נישט הערען די געשרייען פון זייערע קינדער.

דער בעגריף פון געטהייט איז ביי פעלקער, אין יענער צייט, געוועזן אזא, אז גאט האט פון א מענשליכען קרבן, און ווער רעדט נאך פון אנ'אייגען קינד, א בעזונדער נחת רוח, מעהר ווי פון א רינד אדער א ציג. די אצטעקען אין מעקסיקע, די אינקאס אין פערו פלעגען ברענגען יעהרליך זייער גאט מענשליכע קרבנות אין א סך הונדערטער. דער צערעמאניאל פון קרבן ברענגען איז געוועזן פאלגענדיגער: מ'פלעגט לייגען דעם מענשען אויף א דערצו בעשטימטען שטיין, דער פריסטער פלעגט מיט א מעסער איהם אויפשניידען די ברוסט און ארויסרייסען דאס לעבעדיגע, פולסירענדיגע הארץ.

ווען מיר בעטראכטען, אז אזעלכע מעשים זענען פארגעקומען אין דער געשיכטע פון מענשען מיט בערך א קורצער צייט צוריק, קענען מיר זיך אבגעבען א רעכנונג, וואס פאר א ריזיגען שריט די מאראל, די הומאניטעט האבען ביים מענשען, א דאנק דער פראגרעסירענדיגער קולטור, געמאכט, אין משך פון דער פערגאנגענער צייט, און וואס מיר האבען פון איהר ענטוויקלונג צו ערווארטען אין עתיד הגם דער מין „קאניאטען" האט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירען ביז אויף היינטיגען טאג, קאנסטאטירען מיר אבער, אז זייער צאהל פערקלענערט זיך פון דור צו דור. די מענשהייט אין איהר מערהייט פער'משפט היינט דעם מיטעל פון כח אין פאל פון צוזאמענשטויס צווישען געוואלד און יושר, שטעלט זי זיך אויפ'ן זייט פון יושר.

אין אונזער דור איז געגרינדעט געווארען א פעלקער-ליגע און ווי גרויס דער אונטערשיד איז צווישען דעם שטאנדפונקט פון מענשען אויף א מלחמה היינט און מיט הונדערט יאהר צוריק, האט בעוויזען בולט די אויסגעדריקטע סימפאטיע פון דער קולטורעלער וועלט צו דער בעפאלענער אביסיניע דורך איטאליע. דאס, וואס איטאליע האט געטהון אין אביסיניע האבען געטהון פריהער אלע אנדערע מלוכות, אבגעזעהן פון דעם אופן ווי אזוי די קאלאניאלע מלוכות זענען געקומען צו זייערע קאלאניעס, זענען צום סוף פון 18 טען יאהרהונדערט דריי מלוכות בעפאלען פוילען, האבען צוטיילט צווישען זיך איהר טעריטאריע און קיינער האט נישט געליארעמט, קיינער האט נישט געזאגט, אז דאס איז נישט יושר'דיג.

די קייזערין פון רוסלאנד און דער קעניג פון פרייסען האבען בעקומען אין דער געשיכטע, פאר אזעלכע מעשים, דעם נאמען „די גרויסע". נאפאלעאן דער ערשטער האט בעשאפען און אוועקגעשטעלט נייע מלוכות, ווי קארטען-שטיבלעך, נישט אנפרעגענדיג ביי די בירגער פון די מלוכות, צי זיי זענען דערמיט מסכים, און קיינער האט דאמאלס נישט געזאגט, אז דאס איז א גרויסע עולה. רוסלאנד האט אין משך פון 19-טען יאהרהונדערט, אנעקסירט פינלאנד, קאווקאז, טורקעסטאן, בוכארע, כיווע א.א.וו. די זעלבע איטאליע האט אנעקסירט עריטרייע, קירענאיקע, טריפאליס; אזעלכע געוואלד-מעשים זענען געשעהן א סך, מ'דארף זיי נישט ציטירען, זיי זענען אלעמען בעוואוסט, דער מלוכה'שער אפעטיט האט דאמאלס אלע אנעקסיעס אנערקענט פאר געזעצליך און האט זיי נישט פער'משפט אלס גוואלד-מעשים, ווי דאס האט געטהון די פעלקער ליגע געגען די אנעקסיעס פון יאפאניע און איטאליע, מוסאליני האט נישט אויפגעהערט צו פרעגען, ווארום האט נאר זיין אביסינישע אונטערנעהמונג אויפגעהויבען אין דער קולטורעלער וועלט אזא שמועס. די מעשה איז אבער דאך אזוי געוועזן, די צייט האט דערצו געבראכט, און די קולטורעלע וועלט האט פון גאנצען הארצען געוואונשען מוסאליני'ן, ער זאל ברעכען אין אביסיניע האלז און נעגיק.

א גרויסען שטויס פאראויס האט דער סימפאטישער בעוועגונג צו דער איבערפאלענער אביסיניע געגעבען די עגזיסטענץ אליין פון דער פעלקער-ליגע, וועלכע איז געגרינדעט געווארען מיט'ן צוועק צו שאפען די מעגליכקייט פון א פרידליכער פערשטענדיגונג צווישען די מלוכות, אבצוהיטען דעם שלום און פערמיידען מלחמות; און אויב די פעלקער-ליגע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1919 און נישט אין יאהר 1819, מיט הונדערט יאהר צוריק, נאך די נאפאלעאנישע מלחמות, איז טאקע צוליב דעם, וואס מיט הונדערט יאהר צוריק, און אפילו נאר מיט פופציג יאהר צוריק, האט די מענשהייט בעטראכט מעשים פון איבערפאלען און אנעקסיעס פאר נאטירליכע און פערשטענדליכע און אפשר נאך פערדינסטפולע, היינט אנערקענט זי אזעלכע עובדות פאר פערברעכערישע און שטראפווירדיגע—ווייל מיט הונדערט יאהר צוריק האט דער געוויסען ביים קולטורעלען מענשען נישט רעאגירט געגען גוואלד און רעכטלאזיגקייט אזוי שטארק ווי ער רעאגירט היינט.

א. ט.

ווילנע—ירושלים דליטא

(פון א בעזוך)

4.

איידער איך וועל דערצעהלען וועגען מיין בעזוך אין די וויכטיגסטע צוויי קולטור-אינסטיטוציעס, וואס ווילנע פערמאגט—דער יוו"א און סטראשון-ביבליאטעק, וועל איך זיך נאך פריהער אבשטעלען אויף עטליכע קלייניגקייטען, וואס טראגען אבער אויף זיך דעם ספעציפישען ווילנער חותם און זענען זעהר בעלערענד אויך פאר אונז.

דאס ווילנער יודישע טעאטער

ערשט נישט לאנג האט ווילנע פערמאגט צוויי יודישע טעאטערן, וואו ס'האבען סטאביל געשפילט יודישע טרופעס; איבערהויפט האט גע'שמט דאס ווילנער יודישע פאלקס טעאטער, מיט וועלכען ס'האט אנגעפיהרט דער בעוואוסטער דירעקטאר ליפאווסקי און שפעטער קארפאנאוויטש.

ווילנע גופא האט ארויסגעגעבען א סך יודישע ארטיסטען, וועלכע האבען געבערענגט כבוד דער יודישער ביהנע. אזוי איז אין ווילנע געשאפען געווארען די אמאליגע בעריהמטע „ווילנער טרופע" מיט אברהם מארעווסקי אין דער שפיץ. היינט זענען נאך פערהאנען עטליכע דראמאטישע קרייזען, וועלכע פערמאגען גאנץ בעדייטענדע כחות, אויך פערמאגט ווילנע דאס איינציגע יודישע אפערע-אנסאמבל, וועלכעס שפיעלט אפערעס אין דער יודישער שפראך אין ווילנע ווי אויך אין די שטעדט ארום ווילנע, ווי ביאליסטאק, גראדנע אז"וו.

ביי היינטיגען טאג, ווען דאס יודישע ווילנע איז פעראריםט, איז נישט מעהר דא ווי איין יודיש טעאטער, וואס ווערט פערוואלטעט פון דערמאנטען קארפאנאוויטש, און דאס איז אויך נישט אזוי פויגעלדיג. די טעאטער-געביידע געפינט זיך אויף א זייטיגער גאס און די בעדינגונגען זענען זעהר נישט קיין גינסטיגע. ווען איך האב געוויילט אין ווילנע, האט דארט גאסטראלירט די טרופע פון לוסיע און מישא גע'מאן און מען קאן נישט זאגען, אז זיי האבען געהאט גרויס ערפאלג. ווילנער יודען זענען פיינשמעקער און טעאטער האבען זיי ליעב זאל שמעקען מיט עכטער קונסט. וואס דארפט איהר מעהר—אפילו „יאשע-קאלב", וואס האט אזא גרויסען ערפאלג אין דער גאנצער וועלט, האט ביי די ווילנער טעאטער-בעזוכער נישט אזוי שטא"ק אויסגענומען.

מיט עטליכע יאהר צוריק האבען אונזערע פריינד—די טרופע פון קדיש-האש, יא געהאט גרויס ערפאלג; יענע צייטען זענען שוין אבער אוועק. דאס יונגע יודישע דור אין ווילנע זוכט עפעס אנדערש, פרישער'ס, וואס זאל זיין צוגעפאסט צו זייער געשמאק.

אנ'אינטערעסאנטער טיפ ביז גאר איז דער דירעקטאר פון יודישען טעאטער ה' קארפאנאוויטש, א יוד א משכיל, וועלכער האט אמאל געפיהרט גרויסע מסחרים, האט אלץ צוועקגעווארפען און זיך געווידמעט דער געשעפטס פיהרונג פון יודישען טעאטער. ער האט שוין אדורכגעלעבט אי גוטע, אי שלעכטע צייטען, דאס שרעקט איהם אבער נישט אב. ער קלאמערט זיך מיט די נעגעל און ער בעמיהט זיך שוין, אז ווילנע זאל נישט בלייבען קיין איין טאג אהן קיין יודיש טעאטער.

פאר אונזערס א יודען וועט דאס זיין שווער צו פערשטעהן: ווי קומט א יוד, א תלמוד-חכם צו יודיש טעאטער; איבערהויפט קוקט מען דאך ביי אונז אויף אזא איינעם, ווי אויף א בטלן. אין ווילנע אבער איז גאנץ אנדערש, דארט איז מען דעם טעאטער-דירעקטאר נוהג כבוד און מען פער-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער פסח-יריד איז אין פולען ברען.

אויף דער יודישער גאס פיהלט זיך שוין דער הייסער אטעם פון אנקומענדען פסח, וועלכער ווערט פון יאהר צו יאהר אלץ שווערער.

אמאל, אין אונזערע יונגע יאהרען, איז דער פסח געוועזן דער יום-טוב פון שמחה, און שוין א סך וואכען פאר יום-טוב זענען די הערצער אנגעפולט געווארען מיט א פרייליגען ציטער און מען האט געהאפט וואס פריהער דעם ליעבען פרייהייטס יום-טוב צו בעגעגענען. די לעצטע יאהרען אבער איז דער פסח פערוואנדעלט געווארען אין טאג פון דאגות און אומעט, ווייל אפילו דער יוד, וועלכער האט יא די מעגליכקייט צו פייערען דעם יום-טוב, מוז אבער דערביי זארגען, אז זיינע פער-ארימטע ברידער — און אזעלכע ברידער זענען היינט דא א סך און זיי מעהרען זיך לוידער פון יאהר צו יאהר — זאלען קאנען מאכען פסח.

ווען מען זאל זיין אויפריכטיג און וועלען זאגען דעם אמת, וואלט מען געקומען צו א טרויעריגער ערשיינונג. עס וואלט זיך ארויסגעוויזען, אז אונזערע גבירים זארגען אבסאלוט נישט און טהוען במילא גארנישט, כדי דעם ארימאן צו פערזארגען מיט יום טוב.

זיי פלאגט נישט דאס געוויסען, אז אינדערצייט ווען זיי וועלען זיך אוועקזעצען ברייט ביים טיש, וועלען אנדערע יודען, און צווישען זיי א סך, וועלכע זענען ערשט נישט לאנג געזעסען ביי יום טוב'דיגע טישען — דעם היי-יאהריגען יום-טוב פון חירות הונגערען און פערברענגען אין עצבות און טרויער. אזוי איז שוין די טבע פון נגידים, אויסרעכענען זיי ביי די נעמען איז איבעריג... אויב ס'פעראינטערעסירט זיך יא עמיצער מיט די ארימע, זענען עס גראדע מענשען פון מיטעל-שטאנד, וועמען ס'איז נישט פרעמד די נויט פון א צווייטען.

ס'איז שוין 8 טאג פאר יום טוב און ס'איז אלץ נאך נישט בעוואוסט, ווי אזוי עס וועט היי יאהר אויסזעהן מיט קמחא, וויפיעל די קהלה וועט האבען איינקאסירט און מיט וויפיעל זי וועט קאנען דיספאנירען.

דער „בית לחם" האט מאבילעזירט דאס גאנצע איבערגעבליבענע מיליטער און זיי ארויסגעשיקט איינגעמען די שטאדט, און היות ווי זיי האבען אויך בעקומען א פאר הונדערט זלאטעס פון אמעריקא, וועלען זיי די היי-יאהריגע פסח-אקציע איינארדנען כיד המלך.

אויך די „תומכי עניים"-טוער שלאפען נישט אין דער פינסטער. זיי ארבייטען טאקי א גאנץ פעליג יאהר און אויסער די פארציעס, וואס זיי נעמען צוזאמען, קומט זיי נאך אויס צו קויפען יעדע וואך איבער הונדערט קילא געבעקס, פונדעסטוועגען וועלען זיי פסח נישט זיין פטור בלא כלים.

זיי לויפען טאקי נישט ארום אין גאס זאמלען קיין געלד, אזוי ווי עס טהוט דער „בית לחם", אבער זיי גיבען זיך שוין אנ'עצה. צווישען זיי זענען דאך נישטא קיין גבירים און אויך נישט קיין פאטענטירטע כלל-טהוער, ס'זענען דאך פראסטע מענשען, דערפאר אבער זענען זיי שבת-יודעלעך, יודען מיט שבת-יום טוב'דיגע נשמות, וועלכע זענען ווארים און פיהלען טיעף די ליידען פון די ארימע. וואס זיי וועלען געבען די ארימע אויף יום-טוב, ווייס איך נאך נישט, נאר אז זיי וועלען זיי שוין געבען א יום טוב-מתנה, איז מעהר ווי זיכער.

היגע מצות קאסטען א גילדען א קילא. פאראיאהרען האט געקאסט א גילדען מיט 5 גראשען — דאס הייסט, אז היי-יאהר קאסט מיט 5 גראשען ביליגער. וועלען דאך א סך פרעגען: היתכן? פאראיאהר האט געקאסט מיט 5 גראשען טייערער, האט דאך דערפאר די קהלה גענומען קמחא און געהאט אנ'ערך פון 8 טויזענד זלאטעס; היי-יאהר אבער, אז די קהלה נעמט נישט קיין אבצאהל פון מעהל, דארף דאך קאסטען ביליגער. איבערהויפט האבען דאך די מצה-בעקער שטענדיג מבטיח געוועזן, אז טאמער וועט די קהלה נאר נישט נעמען קיין אבצאהל פון מעהל, וועלען מצות זיין בחצי-חנם און צום סוף קאסט ווייטער א גאנצער גילדען. נאר, רבותי, מען מוז פערשטעהן, אז אויך די מצה-בעקער זענען נישט אינגאנצען שולדיג. פערגעסט נישט, אז דער אונטערשיד פון פרייז פאר מעהל פון פאראיאהרען ביז היי-יאהר איז א גרויסער. מעהל איז היי-יאהר א סך טייערער און דעריבער קאסט א גילדען א קילא מצות און מען מוז זאגען, אז פערהעלטניסמעסיג איז עס נישט טהייער.

אמת, מיר האבען נישט קיין הצלחה, וואס וואלט עס אונז געצארט, אז מעהל וואלט געוועזן אין זעלבען פרייז וואס פאראיאהר, וואלט מען כאטש איין מאל אויך געהאט ביליגע מצות. נאר הפנים, אז מיר האבען נישט קיין מזל צו ביליגע מצות.

אין דער קהלה-קאנצעלאריע האבען זיך היי-יאהר פערשריבען א סך מעהר פעטענטען ווי אלע מאל. אויך דער „תומכי עניים" האט היי-יאהר מעהר נעמער און עס איז נישט קיין ספק, אז אויך צום „בית-לחם" וועלען זיך היי-יאהר ווענדען מעהר נצרכים.

צווישען די מקבלים געפונען זיך א סך, וועלכע קאנען זיך נישט די דעה געניגען טהון. זיי קאנען זיך נישט בעשליסען, וואו זיי זאלען נעמען: אין דער קהלה, „בית לחם" אדער אין „תומכי עניים"... אה, ווען מען וואלט זיי דערלויבט צו נעמען אין אלע דריי אינסטיטוציעס, ווי „וואויל" וואלט זיי געוועזן... איז אבער דא אזא שטרענגע קאנטראל, אז טאמער נעמט מען, זאל מען זאגען, אין „בית לחם", וויל מען שוין נישט געבען אין דער קהלה, און פערקעהרט. פונדעסטוועגען טרעפען זיך אזעלכע פאלען, ווען א יוד א „למדן" גיט זיך אנ'עצה און נעמט וואו ס'לאזט זיך נאר.

ווי אזוי ס'וועט היי-יאהר ארגאניזירט ווערען די זעלנער-קוך און אויך דאס מין כשרען די כלים, האב איך נאך נישט קיין ידיעה, כאטש ס'איז מעהר ווי זיכער, אז אויך וועגען דעם טראכט מען שוין און מען וועט זיך אוועקזעצען עפיס טהון. נאר וועגען דעם וועל איך אייך בעריכטען דאס צווייטע מאל. דערווייל אבער וויל איך אייך מודיע זיין, רבותי, אז דער פסח'דיגער יריד איז שוין אין פולען ברען...

אביסעל צו שפעט...

אפישען האבען רעקלאמירט, אז אין טשענסטאכאוו וועט אויפטרעטען די וועלט-בערוהמטע זינגערין אדא סארי אדער ווי מען רופט זי: דער פוילישער

שטפהט איהם אין זיין עקשנות, יודיש טעאטער, פערשטעהען די ווילנער, איז א וויכטיגער צווייג פון אונזער קולטור-וועזען און ס'מוזען זיך געפונען אזעלכע אידעאליסטען, וועלכע זאלען מקריב זיין זייער „איך", זייער גאנץ לעבען פאר אט דעם דאזיגען קולטור-צווייג, און דאס איז טאקי דער פער'עקשנ'טער אבער זעהר סימפאטישער יוד, וועלכער רופט זיך קארפאנאוויטש.

וועלפקע'ס רעסטאראן

אין ווילנע זענען פעראהאנען א סך יודישע רעסטאראנען און צוקערניעס, וואו יודען קומען זיך צונויף ביי א גלעזיל טהיי אדער קאווע און מען פערברענגט געמיטליך אין א היימישער יודישער סביבה. דער רעסטאראן פון וואלף אופיאן המכונה וועלפקע, האט אבער א שם אין גאנץ ווילנע און אויך אויסער די גרעניצען פון ווילנע.

און וועלפקע'ס רעסטאראן. וועלכער געפינט זיך אין דער יודישער געטא אויף דער דייטשער גאס (דער פאקטישער איינגאנג איז דורך דער יודען-גאס, אקעגענאיבער דעם שול-הויף), קומט זיך צונויף די יודישע עליטע — אדוואקאטען, דאקטוירים, ליטעראטען, ארטיסטען און איבערהויפט חשוב'ע לייט פון דער יודישער אינטעליגענץ אין ווילנע.

אויף דאס וועט פאר א טשענסטאכאווער יוד זיין שווער צו פערשטעהן, ווארום וועלכער אדוואקאט אדער דאקטאר וועט דאס אוועקגעהן ביי אונז, זאל מען זאגען, אין אלטמאנ'ס צוקערניע און נישט אין „אייראפא". ער וועט דאך מיינען, אז זיין אינטעליגענטישקייט וועט דערביי ליידען... אין ווילנע איז אבער גאנץ אנדערש, ביי זיי איז גאנץ נאטירליך זיך אוועקצוזעצען ביי וועלפקע'ן מיט פריינד און פערברענגען עטליכע שעה.

וועגען וועלפקע'ס רעסטאראן האב איך זיך דערוואוסט דא אין טשענסטאכאוו פון דער קדיש-האש-טרופע און לכתחילה האב איך געמיינט, אז דאס איז אזא מין גארקיך, וואו מען קאן אבעסען א מיטאג און פערטיג. ווי איבערראשט בין איך אבער געווארען, ווען ביי וועלפק'ען אין רעסטאראן זענען געקומען מיטאג עסען דאס שענסטע און בעסטע וואס דאס יודישע ווילנע פערמאגט. דארט האב איך זיך בעקאנט מיט'ן ווילנער יודישען לאוניק, מיט דער בעוואוסטער ליטעראטען חנה בלאנקשטיין, וועלכע שטאמט פון דער אסימילירטער ווילנער אינטעליגענץ און אין די לעצטע יאהרען איז זי געווארען א הייסע יודיש נאציאנאליסטקע. איך האב זיך אויך בעקאנט דארט מיט עטליכע יודישע אדוואקאטען, מיט פראמינענטע כלל-טהוער אד"גל. אויך מיינע פאך-קאלעגען זענען דארט אפטע געסט.

וועלפקע איז אפילו א סתם יוד, ער האט אבער אמביציע, און טאמער פערפעהלט עמיצער פון אט די דאזיגע סטאלע געסט צו קומען, לויפט ער איהם בעזוכען, און אויב יענער פיהלט זיך נישט אין בעסטען געזונד, ווערט איהם בעזארגט דאס מיטאג אהיים. איבערהויפט לייגט וועלפקע אכט אויף די יודישע ארטיסטען. ער האלט חשבון, וועלכער יודישער ארטיסט ס'האט פערפעהלט צו קומען אויף מיטאג. וועלפקע ריהט נישט און בעזארגט שוין דעם ארטיסט מיט א מיטאג. און טאמער האט יענער נישט קיין „קליינגעלד" ארט עס נישט וועלפק'ען. קודם כל מוז יענער עסען. אי געלד? נו מילא, אז מעמער לעבען, וועט מען שוין בעצאהלען...

וועגען וועלפק'ען און זיין רעסטאראן האבען שוין די גרעסטע בלעטער געשריבען און נישט בלויז אין פוילען, נאר אפילו אויך די אמעריקאנער פרעסע.

ביי וועלפק'ען קומען פאר אלע באנקעטען, וועלכע ווערען איינגעארדענט פאר גרויסע דיכטער און קינסטלער, וועלכע בעזוכען ווילנע. ערשט נישט לאנג איז אויך דארט פארגעקומען דער באנקעט, וואס ווילנע האט איינגעארדענט דעם בעוואוסטען דיכטער משה נאדיר, בעת זיין בעזוך אין ווילנע. וועלפקע איז דערמיט שטאלץ און ער איז צופרידען, ווען מען רופט אן זיין רעסטאראן: „דער ליטעראריש-קינסטלערישער רעסטאראן".

דער ווילנער פאטריאט

רעדאקטאר לייבעלע סטאצקי, צו וועלכען איך האב געהאט א בריעף אלס צו דעם, וועלכער האט מיר געזאלט ווייזען די מערקווירדיגקייטען פון ווילנע, האט מיר רעקאמענדירט זיינס א פריינד מיט'ן נאמען זלמן שיק, וועלכער זאל זיין דער אמת'ער ידען פון ווילנע און אויב איך האב אין משך פון 2 טאג געקאנט זעהען אין ווילנע דאס, וואס כ'האב פאקטיש געזעהען, איז עס טאקי א דאנק דער ליבענס-ווירדיגקייט פון פריינד זלמן שיק.

זלמן שיק איז א געוועזענער סטודענט, א זוהן פון סוחרי'שע עלטערן, וועלכע זענען געקומען האָרט פאר דער מלחמה פון דווינסק. און אט דאס בחור'ל, זלמן, האט אזוי ליעב בעקומען ווילנע, אז ער האט זיין גאנצע ענערגיע און יוגענד-טעמפעראמענט אויסגענוצט, כדי צו בעקענען אלזייטיג ווילנע.

ווען איך האב בעזוכט דעם ה' שיק אין זיין פריוואט-וואוינונג, בין איך ערשטוינט געבליבען פון דער רייכער קאלעקציע, וואס דער מענש פערמאגט. זיין ארבייטס-צימער איז פיעל מיט הונדערטער ביכער, וועלכע זענען ארויס אין א רייהע שפראכען וועגען ווילנע, אזוי דאס מען קאן זאגען, אז כמעט אלץ, וואס ס'איז אנגעשריבען געווארען וועגען ווילנע אין משך פון עטליכע הונדערט יאהר, געפינט זיך ביים ה' שיק, דאן זענען די ווענד בעהאנגען מיט די פארטרעטען פון אלע גרעסטע לייט, וועלכע האבען געלעבט און געווירקט אין ווילנע.

צו דער כאראקטעריסטיק פון ה' שיק וועט גענוג זיין צו זאגען, אז ער איז טאקי פארזיצער פון דער ווילנער אבטיילונג פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט; פריוואט איז ער א סוחר, וועלכער איז א גאנצען טאג פערנומען אין געשעפט און נאר די פרייע צייט ווידמעט ער זיין ליבלינגס-ווערק, וואס רופט זיך: ווילנע. אין קורצען וועט ערשינען א בוך פון דעמזעלבען ה' שיק וועגען אלטען און נייעם ווילנע.

איך האב זיך אבגעשטעלט אביסעל לענגער אויף דער פערזענליכקייט פון ה' זלמן שיק, כדי אייך צו בעווייזען, אז אזעלכע זעלטענע עקזעמפלארען, וועלכע זאלען זיך קאנען ווידמען א אידעע, קאנען זיך נאר געפינען אין דער ווילנער אטמאספערע, אין „ירושלים-דליטא".

ש. פראנק

טשעקאווע ידיעות

הונדערט יאהר פאטענטען

אין יאהר 1937 ווערט הונדערט יאהר זייט מ'האט אנגעהויבען אין אלע לענדער פון דער וועלט ארויסצוגעבען פאטענטען און אזוי ארום צו שיצען אלע ערפינדערס, אז אנדערע זאלען זייערע זאכען נישט נאכמאכען און זאלען זיי גישט פעריאגען פונ'ם מארק.

אין די דאזיגע הונדערט יאהר זענען געשיצט געווארען הונדערטער טויזענדער ערפינדונגען, פון וועלכע דער גרעסטער טייל האט זיך ארויסגעוויזען פאר נישט וויכטיג און די פאטענטען זענען בכלל נישט אויסגענוצט געווארען.

דאס ערשטע פאטענט-אמט איז געגרינדעט געווארען אין ניו-יארק, לויט א געזעץ, וועלכעס כ'האט אריינגעטראגען דער דאמאלסדיגער סענאטאר רוגעלס. ער איז עס אויך געווען, וואס האט בעקומען פאטענט נומער 1, פאר א רעדעלע צו זייגערלעך (שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס דאזיגע רעדעלע טויג נישט).

לויט נאטיצען פון אנ'ארכיוו, האבען בעקומען וויכטיגע פאטענטען:

אין יאהר 1840 פ. ב. מארזע, פאר זיינע צייכענס ביים טעלעגראפירען, וועלכע מ'בענוצט נאך עד היום.

1876 האט גרים בעל בעקומען א פאטענט פאר זיין טעלעפאן. אנ'אנדערען טעלעפאן-אפאראט האט פאטענטירט א יאהר שפעטער עמיל בערלינער פון באסטאן און א דריטען אפאראט האט געשיצט עדיזאן אין יאהר 1891.

1879 האט ברוש פאטענטירט אנ'עלעקטרישע לאמפ און 1880 האט עדיזאן פאטענטירט א צווייטע עלעקטרישע לאמפ.

1878 האט עדיזאן פאטענטירט דעם פאנאגראף און פופצעהן יאהר שפעטער, 1893 האט ער פאטענטירט דעם ערשטען קינא-אפאראט.

1895 האט ג. ב. זעלדען פון ראטשעסטער פאטענטירט דעם ערשטען אויטאמאביל. דאס פאטענט-אמט האט אבער דעם דאזיגען פאטענט באלד צוריקגעצויגען, ווייל די דאזיגע ערפינדונג איז „נישט געווען פראקטיש"...

אין יאהר 1906 האבען צוויי יונגע לייט, די ברידער וורייט פון דייטאן פאטענטירט דאס ערשטע לופט-שיף. אזוי ווי זיי האבען אבער אליין געוואלט אויספרובען די דאזיגע ערפינדונג, זענען זיי ביידע אראבגעפאלען און נהרג געווארען...

1889 האט מען פאטענטירט אלומיניום פאר „אלע צוועקען", ביז דאמאלס איז אלומיניום געווען זעהר טייער און ס'האבען עס נור בענוצט יובילערען צו פערארבייטען דערמיט זייערע חפצים.

1903 האט הענרי וואוד פאטענטירט די ערשטע זעק-מאשין פאר דרוקערייען.

אין יאהר 1852 האט מען געשיצט די ערשטע שיף, וואס איז געפאהרען אונטער'ן וואסער. אין יאהר 1836 האט סאמועל קאלטס געשיצט דעם ערשטען רעוואלווער און אין יאהר 1862 האט דער אמעריקאנער געטלינג פאטענטירט דאס ערשטע מאשינען-געוועהר. אין שפאניש-אמעריקאנישען קריג האט מען פון ביידע זייטען געשאסען מיט מאשינען-געוועהר.

נהמיה האדג פון ניו-יארק האט אין יאהר 1860 פאטענטירט די ערשטע ברעמזע, אויפצוהאלטען א וואגען, אז ער פאהרט בארג-אראב. 1879 האט דער אמעריקאנער וועסטינגהויז ערפינדען די ברעמזע, וואס מ'בענוצט איצט ביי די באהנען.

1883 האבען ריטי און בורך פון שיקאגא ערפינדען די ערשטע רעגיסטריר-קאסע און א פירמע פון מילוואקיי האט אין יאהר 1868 בעקומען א פאטענט אויף דער ערשטער שרייב-מאשין.

אין יאהר 1849 האט דער אמעריקאנער האולע בעקומען א פאטענט פאר דער ערשטער נייה-מאשין און אין יאהר 1869 האט מעק געפיי פון שיקאגא ערפינדען דעם שטויב זויגער. ער האט אבער נישט געהאט קיין געלד צו פאבריצירען זיין ערפינדונג, האט ער דעם פאטענט נישט אויסגענוצט. ערשט ווען דער פאטענט איז פערפאלען געווארען האבען אין דער לעצטער צייט די גרויסע עלעקטריציטעטס-ווערק אנגעהויבען צו פאבריצירען שטויב זויגערס.

דאס ערשטע עלעקטרישע פרעסיל (ביגעל אייזען) האט ערפינדען הענרי סילי פון לאנדאן אין יאהר 1882.

דעם ערשטען ראזיר-אפאראט האט פאטענטירט זשילעט פון ברוקלין אין יאהר 1904.

מיר האבען דערמאנט נור די גרויסע ערפינדונגען פון די לעצטע הונדערט יאהר. טויזענדער און טויזענדער ערפינדונגען האט מען בכלל נישט אויסגעפיהרט, ווייל ס'האבען זיך נישט געפונען קיין קאפיטאליסטען, וואס זאלען זיך וועלען בעשעפטיגען דערמיט. ווער ווייסט צי די דאזיגע ערפינדונגען וואלטען נישט אויך געמאכט א גאנץ איבערקעהרעניש, ווען די ערפינדער זאלען געווען האבען מזל אויסצופיהרען און נישט צו לאזען צו גרונד געהן זייערע אידעען?...

ז. האבער, וויען.

קאנארעק. ס'פערשטעהט זיך, אז איך האב געוואלט הערען און בעוואונדערען די געניאלע זינגערין, איבערהויפט, ווען מען האט מיר דערצעהלט, אז זי איז מאחינו בני ישראל.

דער קאנצערט איז פארגעקומען אין „אטלאנטיק" (פון ווען אן איז דאס דער „אטלאנטיק" זאל געווארען א קאנצערט-זאל?), נאר גארנישט. איז אבער דער דירעקטאר פון „אטלאנטיק" אליין אנ'ארטיסט, א דראמאטורג און א ליטעראט, אנערקענט ער נישט קיין אנדערע זשורנאליסטען און פערגינט זיי נישט קיין פרייען איינגאנג, אזוי אז ארייצוקומען אויפ'ן קאנצערט, איז אונז טאקי צוליב איהם נישט אנגעקומען אזוי לייכט. אבער דאס זענען קלייניגקייטען, דער עיקר איז געווען דער קאנצערט גופא. האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז אויך דער קאנצערט איז נישט געווען וויכטיג, און דאס דערפאר, ווייל די בעריהמטע אדא סארי איז צו אונז געקומען שוין אביסעל... צו שפעט.

אמת, זי האלט זיך נאך ווי אין די אמאליגע יאהרען, דהיינו, דער פרייז אויף בילעטען איז אויסגעשטעלט ווי מיט 15 יאהר צוריק... אויך וויל זי נישט, אז מען זאל וויסען, דאס זי איז א יודיש קינד (כאטש דאס פנים קאן מען נישט בעהאלטען...), פונדעסטוועגען לאזען זיך די קריסטען נישט אפנארען און קומען נישט צו געהן. די יודישע מאסען ווידער קאנען נישט צאהלען אזעלכע געזאלצענע פרייזען, און אויב שוין יא ווילען זיי הערען א יודיש פאלקס-ליעדעל. אזוי אבער ווי דאס וויל זי נישט אדער זי קאן טאקי נישט, זענען אויך אונזערע יודען געבליבען זיצען אינדערהיים און די גרויסע אדא סארי האט טאקי געזינגען פאר לייריגע בענקלעך. אבער, ווי כ'האב געזאגט פריהער, איז דאס נאך נישט אלץ, נישט אלעמאל קאן מען זיין זיכער מיט א מאטעריעלען ערפאלג, ערגער איז אבער, וואס ביי אדא סארי, פונקט אזוי ווי ביי אלע אנדערע שטערבליכע מענשען, צעהלען זיך די יאהרען, וועלכע לייגען זיך ווי א שווערע משא אויפ'ן מענשען. אויך די גאט-געבענשטע אדא סארי ווערט, ווי ס'ווייזט אויס, אלט און אין — — נו, יא, צו אונז איז זי געקומען געבען קאנצערט, נאר שוין א ביסעל צו שפעט...

זיי האבען אויסגעפיהרט.

די ענדעקעס האבען נישט געקאנט אריבערטראגען דאס, וואס אין דער היגער אבטיילונג פון דער קריסטליכער פירמע „יאנקאווסקי און זוהן" איז דא א יודישער לייטער ה' וועקסעלבערג און זיי האבען אנגעהויבען געגען איהם צו פיהרען א העסליכע אקציע.

ה' וועקסעלבערג אבער איז געוועזן א טיכטיגער געשעפט-פיהרער און די פירמע האט זיך נישט געקאנט דעצידירען איהם צו בעזייטיגען. ווען אבער די ווינטען אין פוילען האבען אנגעהויבען שטארקער צו בלאזען פון מערב-זייט, אזוי אז זיי האבען אנגעמאכט א שטורם, האט די פירמע נישט געהאט קיין ברירה און דעם ה' וועקסעלבערג אבגעזאגט פון פאסטען.

דער ה' וועקסעלבערג האט זיין גאנצע פעהיגקייט און סוחרישען חוש אריינגעלייגט צו ארגאניזירען די היגע אבטיילונג פון דער אויבענדערמאנטער פירמע און ווען אלעס איז שוין פערטיג, זי האט שוין ערווארבען א געהעריגע קליענטעלע, האט מען דעם יודען געזאגט: גענוג, איצט דארף מען דיך נישט מעהר!

די יודישע קונדען, וועלכע האבען געקויפט אין דער דאזיגער פירמע, דארפען דאס נעמען אין אכט און פראטעסטירען געגען דעם דאזיגען ארישען טהאט. צי אונזערע יודען וועלען רעאגירען אויף דעם פאטש אין פנים, קאן איך נישט זאגען אויף זיכער; עס זענען דאך יודען. . אבער א פאקט איז, אז די אנטיסעמיטען האבען אין דעם פאל דאס זייעריגע אויסגעפיהרט.

יודישע חוצפה...

דער שאפען-קאנקורס, וועלכער איז פארגעקומען אין ווארשא אין משך פון דריי וואכען און אין וועלכען ס'האבען זיך בעטייליגט איבער הונדערט קינסטלער פון 22 לענדער, האט זיך געענדיגט מיט א נצחון פון די יודישע מוזיקער, און נעמליך: דעם ערשטען און צווייטען פריז האבען בעקומען יודען: יעקב זאק און רוזא טאמארקינא.

אין פלוג, דאכט זיך, אז דאס האט נישט קיין גרויסע בעדייטונג. ווען מען טראכט זיך אבער אריין טיעפער אין דעם דאזיגען ענין, ווערט פאר אונז קלאר, אז דאס וואס די נאציסטען, סיי די דייטשע און סיי די פוילישע, האלטען אין איין ערקלערען: אז יודען זענען א מינדערווערטיגע ראסע, האלט נישט אויס די מינדעסטע קריטיק. פערקעהרט, דאס בעווייזט, אז יודען זענען א קולטור-פאלק פון א הויכער מדרגה; שאפען א פוילישער מוזיקער, וועלכער האט געשאפען די שווערסטע נאקטיורען פון דער טיעפער פוילישער נשמה און אמריכטיגסטען פערשטאנען זיי האבען זיי דוקא יודען.

ווי א זייפען-בלאז דערהאלט זיך די טעאריע פון אונזערע גיפט-מישעו, וועלכע האלטען אין סייט און טענאט די אויסגעדראשענע פאטעטישע דרשות, אז יודען זענען אנ'עלעמענט, וועמען ס'איז פרעמד דער גייסט פון דער פוילישער קולטור. אט, גיט א קוק, אז פון איבער הונדערט מענשען פון פערשידענע נאציעס, האבען דוקא אמריכטיגסטען פערשטאנען די פוילישע נשמה דוקא יודען. און נאך א זאך — אויב יודען האבען בעקומען די ערשטע פריזען, קאן מען זיך משער זיין, וויפיעל זיי האבען געמוזט זיין געניאל, אז די אלע פראפעסארען פון קאנקורס-קאמיטעט, צווישען וועלכע ס'האבען זיך געפונען אויסער איינעם, סאמע ארישער, האבען איינשטימיג געמוזט אנערקענען, אז די יודען האבען פערדינט די ערשטע פריזען.

אמת, די גיפט-מישער וועלען פון דעם אויך נישט נתפעל ווערען, זיי וועלען ווייטער פיהרען זייער העסליכען קאמף געגען דער יודישער נאציע. מיר אבער וועלען דעם דאזיגען נצחון פון די יודען אויפ'ן שאפען-קאנקורס אויך צושרייבען אונזער גאונישקייט און זשעני. דאס וועט אונז אויפמונטערען צום ווייטערדיגען אויסדויער און וועט אונז געבען די זיכערהייט, אז קיין שום שונא וועט אונז נישט בעזיגען. און נאך וועט עס אונז בעשטעטיגען די אקסיאמע, אז די שנאה פון פעלקער נעמט זיך צו אונז טאקי נאר דערפאר, ווייל מיר זענען פעהיג, ווייל דאס יודישע פאלק, טראץ דעם, וואס מען פייניגט עס, מען פלאגט עס און מען פערפאלגט עס, גיט דאך ארויס פון זיך די גרעסטע און געניאלסטע מענשען פון דער וועלט.

שלאגט אונז, רודפט אונז, מיר לאכען פון אייך; איהר וועט אונז נישט איבעריאגען, מיר פערמאגען די אונזיגבארע יודישע גאונות.

עס איז פשוט נישט צו פערשטעהן.

כמעט די גאנצע פוילישע פרעסע מיט א קליינעם אויסנאהם איז פול מיט גיפטיגער אנטיסעמיטישער העצע געגען יודען. כ'זאג דעם אמת, אז זעלטען ווען איך נעם אזא צייטונג אין האנד אריין. גאר פשוט, ס'איז נישטא קיין נערוועו צו גראבלען אין דעם דאזיגען מיסט. די וואך האב איך זיך דאך געמאכט הארץ פון א שטיין, די נערוועו פון דראט און אדורכגעלעזען א זונטאג'דיגען „גאניעץ" און דאס וואכענבלאט „נאווא פאלסקא" (די „גאזעטא נאראדאווא"'ן האב איך זיך שוין נישט אונטערגענומען צו לעזען...). דאס וואס כ'האב בלויז געלעזען אין די צוויי צייטונגען, איז שרעקליך גרויזאם. יעדע שורה אטעמט מיט מענשען-פרעסעריי, שקרים און העסליכע רכילות, וואס איז גאר נישט מעגליך איבערצוגעבען, און פערגעסט נישט, אז די אויבענדערמאנטע צייטונגען, וועלכע געהען נאר ארויס אין טשענסטאכאוו זענען ווי א טראפען פון ים, און וואו זענען די צענדליגער און הונדערטער צייטונגען, וועלכע ערשיינען אין אלע ווינקעלעך פון פוילען, וועלכע זענען אנגעפיקעוועט מיט רשעות און געמיינהייטען.

ווען אט נאך דעם אלעמען קאנען נאך יודען ווי עס איז לעבען אין פוילען, האנדלען און דאך עגזיסטירען, כאטש אך-און-וועה איז צו אונזער לעבען, אדער ווען מיר קאנען בלויז נאך דעם אלעמען אין גאס ארויסגעהן, איז ווירקליך א וואונדער, וואס ס'איז נישט מעגליך מיט אונזער מח משיג צו זיין. כ'וויל דאס נישט איינהילען אין נסים, פונדעסטוועגען זאג איך אייך, אז מיט'ן פראסטען שכל איז עס פשוט נישט צו פערשטעהן.

לויתן

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון מחזיקי־הדת

זונטאג, דעם 14 ד. ח. 6 א זייגער אווענד איז פאָרגעקומען אין אייגענעם לאָקאַל די יעהרליכע אלגעמיינע פער־זאמלונג פון דער ת"ת מחזיקי הדת.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ה' איטשע מאיר קרעלל.

אלס פאָרזיצענדער פון דער פער־זאמלונג ווערט איינשטימיג אויסגע־וועהלט ה' מענדל פויגעל, וועלכער פערבעט אלס בייזיצענדע די ה"ה: יצחק זיגעלבוים און מיכל לייב מינ־דיטש, סעקרעטאַר—ה' יהושע זעליגמאַן.

דער פאָרזיצענדער לעגט פאָר צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דעם אנ־דענק פון די פערשטאָרבענע געוועזענע פערוואלטונגס מיטגלידער: יצחק דוד ערעליסט, ישראלקי טשענסטאכאוסקי, יוסל סילמאַן.

ה' קרעל גיט אב א בעריכט. עס ווייזט זיך ארויס, אז דער בילאַנס פון פערגאנגענעם יאהר האט בעטראָפען די סומע 19.548.55. נאך א דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אנטייל די ה"ה: מ. פאָגעל, מיכל לייב מינדיטש, ישכר מאָשקאָוויטש, יהושע זעליגמאַן און אנדערע, ווערט דער בעריכט אָנגענומען.

עס ווערט בעשטעטיגט דער בו־דזשעט אויפ'ן קינפטיגען יאהר אין די סומע פון 20 טויזענד זלאָטעס.

צווישען די פרייע פאָרשלאָגען איז בעשלאָסען געוואָרען מיט אלע מעג־ליכקייטען צו זעהען צו פערגרעסערען דעם מיטגלידס בייטראג.

אין דער פערוואלטונג ווערען אויס־געוועהלט פער־אקלאַמאַציע די ה"ה: דוד שלמה עהרליך, נח צדעליסט און ש. גאָלדשטיין. ר' יוסף שמעון קאָבּ־לינץ אלס עהרען־פערוואַלטונגס־מיטגליד אנשטאט ר' ישראלקע טשענסטאכאוו־סקי ע"ה ווערט אויפגעוועהלט ר' חיים ישראל שטאהל אויף א משך פון 2 יאהר.

דערמיט ווערט די פערזאמלונג גע־שלאָסען.

ווירדיגע האנדלונג פון יודישע אינדוסטריעלער.

אין דער פאַבריק „וואולקאַן" אַרביי־טען 70 פראָצענט קריסטליכע און 30 פראָצענט יודישע אַרבייטער; דאס רוב אַרבייטער געהערען צו די קלאַסען־פעראיינען. פערהאנען אָבער עטליכע, וועלכע זענען פערביסענע ענדעקעס און טאַמער זעהען זיי, אַז דאָרט אין דער פאַבריק אַרבייטען אויך עטליכע יודישע אַרבייטער, האַלטען זיי עס נישט אויס און אויף דעם געביעט קו־מען פאָר אָפטע סכסוכים.

איבערהויפט האט זיך איין ארבייטער כסדר אַוואַנטורירט, מאַכענדיג אַנטי־יודישע אויסרופען און זאָגאָר בעליי־דיגט די אייגענטימער פון דער פאַבריק. ווען די דאָזיגע אַוואַנטורעס האבען זיך איבערגעחזר'ט און געוואָרען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג, האבען די פאבריק־אייגענטימער געוואלט בעזייטי־גען דעם חברה־מאַן. יענער אָבער האט זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ 20 אַרביי־טער, זיינע אנהענגער און ערקלערט אַנ'אָקופּאַציע - שטרייק. כאָטש לויט'ן אָבמאָך, וואס די פאַבריקאַנטען האבען מיט'ן פעראיין, דאַרף יעדער סכסוך ווערען ערלעדיגט דורכ'ן בעשטימטען געריכט, האבען די דאזיגע אַנטיסעמי־טען נישט געוואלט מסכים זיין און אָנ־געהויבען דעם אָקופּאַציע־שטרייק. דאס רוב אַרבייטער אָבער האבען נישט גע־וואָלט צושטעהן צום שטרייק, נאָר היות ווי זיי זענען טעראָריזירט געוואָ־רען דורך די שטרייקענדע האבען זיי לאָין ברירה אויך געמוזט אַוועק פון דער אַרבייט.

אָרום דעם אָקופּאַציע שטרייק האט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדע העצע. אָלע אַנטיסעמיטישע צייטונגען פון גאַנצען לאַנד האבען פעראורטיילט די יודישע פאַבריקאַנטען. און ווי געוועגליך הא־בען זיי אויסגעטראַכט שענדליכע בל־בולים, זיי געזידעלט, געסטראַשעט, אָנגעזאָגט זיי דאס לעבען א. א. וו.

די יודישע פאַריקאַנטען אָבער, די ה"ה פּרעגער און לאַנדוי, וועלכע זע־נען נאַציאָנאַלע שטאָלצע יודען, האבען זיך פאַר גאָר נישט געשראָקען, זיך געהאַלטען פעסט און מוטיג און געזאָגט, אַז דער כוליגאַן מוז אַוועק פון דער אַרבייט.

עטליכע וואָכען האט געדויערט דער דאָזיגער אָקופּאַציע שטרייק מיט אונ־טערהאַנדלונגען און לסוף האבען די יודישע פאַבריקאַנטען געזיגט. זיי הא־בען געגעבען דעם דאָזיגען פערשוין אַ געוויסע סומע ענטשעדיגונג, נאָר זיי זאלען איהם פאַר די אויגען נישט מעהר זעהן.

העלדישער טהאַט פון אַ יודישען יונגענמאַן.

זונטאג, ארום האלב 9 אָווענד, ווען דער 19־יעהריגער אשר אליעזר סודאָ־וויטש האט זיך אומגעקעהרט פון דער גערטנער־פערמע אין שטאָדט אריין, האט ער ביי דער א. ג. „קאַצאַפּסקע"־בריק אויף די וואָלעס בעמערקט א געזאמעל פון מענשען. ווען סודאָוויטש איז צוגעקומען נעהנטער, האט ער דערזעהען ווי א יונג קריסטליך מיידעל ליגט אויף די באַהן־רעלסען, אויף וועל־כע ס'האט געדארפט באלד פערביי־פאַהרען א צוג. נישט געקוקט דערויף, וואס פונדערווייטענס האט מען שוין געקענט זעהן די לאַמטערן־ליכט פון אַנקומענדען צוג, איז סודאָוויטש שנעל אריבערגעשפּרינגען דעם פלויט ביי דער באַהן־ליניע און, ראַנגלענדיג זיך מיט דעם מיידעל, וועלכע האט געשטעלט א ווידערשטאַנד, האט ער זי דאָך בעוויזען אראָבצושלעפען פון די שינעס שוין אין לעצטען מאָמענט, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האט געזאָלט צעשמעטערן איהר קער־פער.

ווי ס'האט זיך אַרויסגעוויזען, האט דאס מיידעל געוואָלט בעגעהן זעלבסט־מאָרד. אויפ'ן אָרט איז גלייך אָנגעקומען א פאָליציאַנט, וועלכער האט דאס מיי־דעל אָבגעפיהרט אין קאָמיסאריאט אויף פילסודסקי גאַס, וואו ס'איז פעסטגע־שטעלט געוואָרען, אַז זי הייסט יאַנינאַ לאַנגנער, 20 יאָהר אַלט. וועגען דעם זעלבסטמאָרד־פּרוב איז צונויפגעשטעלט געוואָרען א פּראָטאָקאָל.

דער העלדישער טהאָט פון יודישען יונגענמאַן האט ארויסגערופען אנערקע־נונג ביים פערזאַמעלטען עולם. דער דאָזיגער טהאָט איז ווערט פערצייכענט צו ווערען, איבערהויפט, אַז קיינער פון די אָנוועזענדע, לויטער קריסטען, האט נישט געהאט דעם מוט צו ראַטעווען די זעלבסטמערדערין, און ווען נישט דער יונגער סודאָוויטש וואָלט זי זיכער אומגעקומען מיט א שרעקליכען טויט.

עס איז נאָך כדאי צוצוגעבען, אַז אין דערזעלבער צייט זענען נישט ווייט פונ'ם אָרט פון דערמאנטען געשעהעניש, בעפאַלען געוואָרען דורך קריסטליכע כוליגאַנעס די דורכגעהענדע יודען.

דזשעק רעכצייט אין טשענסטאָכאָוו

ווי עס אינפאָרמירט אונז די אָרטיגע טעאָטער־דירעקציע איז נאָך פיעל מיה געלונגען צו אָנגאַזשירען אויף פסח נאָך טשענסטאכאוו אויף אייניגע גאַסטשפּי־לען דעם בעריהמטען אַמעריקאַנער סטאַר דזשעק רעכצייט, וועלכער האט אין פערלויף פון אייניגע סעזאָן גע־שפּילט אין ווארשא, לאָדז א.א. מיט א קאָלאָסאַלען ערפאָלג צוזאַמען מיט זיין ערשטקלאַסיגען אַרטיסטען־אַנסאַמבל און זיין פאַרטנערין אַלאַ שליוקאָוויטש.

פרטים קומען אין די צייטונגען און אַפישען.

צום נאָמענסטאָג פון מאַרשאַל־פּילסודסקי

צום נאָמענסטאָג פון פערשטאָרבע־נעם 1־טען מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, וועלכער פאַלט אויס הייגט פרייטאג, דעם 19־טען וועט אָבגעריכט ווערען גאָטעס דינסטען אין אלע קירכעס און א הזכרה אין דער שוהל.

בעפרייט פונ'ם חשד פאַר גנבה.

דעם 13 לוטי ה. י. האבען די יונגע־לייט וו. ראַכוואַל, ה. ראָזענצווייג און ט. סטאָוויערסקי געשלאָסען בעקאַנט־שאַפט מיט'ן אָנגעקומענעם שלעזישען סוחר ה' קרופּאַ פון ליסאָוו און אויסנו־צענדיג זיין איינלאַדונג, בעזוכט א רייהע היגע רעסטאָראַנען, טרינקענדיג אומע־טום צוביסלעך בראָנפען. נאכ'ן ארויס־געהן די נאָכט־לאָקאַלען איז די חבריתא אוועק צום באַהן־הויף, וואו ס'האט זיי ערוואַרט אַנ'אונאַנגענעהמער סיורפּריז.

דעמזעלבען טאָג איז דורך דער הי־גער פאָליציי ארומגעזוכט געוואָרען איינער פון די געפּעהרליכסטע קאַסע־ברעכער, וואס האט געזאָלט אנקומען אויף „גאָסטראָלען" קיין טשענסטאכאוו. און ווייל קרופּקא האט זיך ארויסגעווי־זען פערדעכטיג איינעם פון די אַגענ־טען, איז די גאנצע „געזעלשאַפט" פער־האַלטען און אָבגעפיהרט געוואָרען אין קאָמיסאריאט אריין.

בעת דער אויספאָרשונג האט דער שיכור'ער קרופּאַ נישט געגלויבט, אז ער זאָל האבען אויסגעגעבען אין די היגע לאָקאַלען אַזש 130 זלאָטעס און ער האט דעריבער געוואָרפען א פער־דאַכט, אז דאס געלד האבען איהם צו־גענומען זיינע בעגלייטער.

אין רעזולטאט דערפון זענען די דריי אויבענאויסגערעכענטע יונגעלייט אַרעס־טירט געוואָרען און נעכטען איז פאָר־געקומען זייער פּראָצעס אין שטאָדטי־שען געריכט.

דער פערטיידיגער פון די אָנגעקלאָג־טע אדוו. יאָאכים מאַרקאָוויטש האט פעסטגעשטעלט א רייהע סתירות אין די ערקלערונגען פונ'ם בעעולה'טען, וועל־כער איז געוועזען שיכור בעת ער האט בעלעגט די אָנקלאַגע.

אין רעזולטאט האט דער פערטיידי־גער, שטיצענדיג זיך אויף דער געריכטס־פערהאַנדלונג, וועלכע האט נישט פעסט־געשטעלט קיין שום בעווייזען געגען די אַנגעקלאָגטע, געבעטען פריישפּרעכען זיינע קליענטען.

דאס געריכט האט גענומען אין אַכט די איבערצייגטע אַרגומענטען פון דער פערטיידיגונג און אלע אָנגעקלאָגטע פריי־געשפּראָכען.

נישט־זייענדיג צופרידען פון אורטייל געשאָסען אויף אַ פעראורטיילטען.

אַ זעלטענער פאַל האט פאַסירט דינ־סטאָג מיטאָג־צייט.

דער לעשניצע ענגעלבערד קאזובעק פון סטארזשעניץ איז געשטאַנען פאַר'ן געריכט פאַר אומגערן דערשיסען דעם אונלעגאַלען יעגער פּראנטשישעק שאָפּ־ראַן. דאס געריכט האט איהם פעראור־טיילט אויף 1 יאָהר תפיסה מיט אָבלע־גען די שטראָף אויף 3 יאָהר.

דא האט געטראָפען פאָלגענדער פאַל: ווען ענגעלבערד האט פערלאזט דאס געריכט, האט איהם אָבגעוואַרט דעם געשאָסענעמ'ס א ברודער סטאניסלאוו שאפּראַן און זאגענדיג צו איהם, אויב דו האָסט דערשאָסען מיין ברודער, האָסטו בעקומען איין יאָהר זאָוויעשע־ניע, וועל איך דיך דערשיסען און אויך בעקומען א יאָהר זאָוויעשעניע — האט ער ארויסגעכאפּט א גרויסען רעוואָלווער פון טיפּ „פּאראבעלא" און אויף איהם געשאָסען.

דער שיסער האט געפּרובט ענטלוי־פען, אבער ער איז פערהאלטען געוואָ־רען דורך דער פּאָליציי.

די קויל, וועלכע האט געטראָפען אין פּלייצע איז על פי נס געבליבען שטע־קען אונטער דער הויט, אזוי אז נאך דעם ווי מען האט ביי איהם די קויל ארויסגענומען אין שפּיטאָל, איז ער באלד אהיימגעגאנגען א געזונטער.

ZAWIADOMIENIE.

Mam zaszczyt zawiadomić, iż po powrocie z Paryża, gdzie ukończyłem Państwową Akademię Kroju i Szycia, z wieloletnią praktyką najpoważniejszych firm w Warszawie, otworzyłem

Pierwszorzędny Paryski Zakład Krawiecki Męski pf. „TRES-CHIC"

w Częstochowie przy ul. Najśw. Marii Panny 33 m. 13, telef. 11-87.

Zakład mój jest zaopatrzony w najnowsze towary sezonowe krajowe i angielskie oraz żurnale z Domów Mód francusk. i angielsk. Wykonanie solidne. Praca wykwintna. Warunki dogodne.

Polecając się łask. względom Sz. Klijenteli, pozostaję z poważaniem

M. Rozenblum, dypl. akademik Państw. Akad. Kroju i Szycia w Paryżu.

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו!

זייט א לענגערער צייט נעמט די געהיימע שחיטה אָן ביי אונז אין שטאָדט טרויעריגע פאָרמען. סתם יודען, וואס בעזיצען נישט קיין קוואַליפיקאַ־ציעס און זענען גע'אסרט געוואָרען דורכ'ן ראַבינאַט צו שעכטען, זענען ווייטער מכשיל הונדערטער יודען אין עניני כשרות.

אויסער דעם ליידט די קהלה שטאַרק פינאַנסיעל פון דער דאָזיגער הפקרות. אלע בעמיהונגען אָבצושטעלען די ווינקעל־שוחטים פון זייער שעדלי־כער אַרבייט האבען זיך נישט איינגעגעבען.

כדי א סוף צו מאכען צו דער דאָזיגער טרויעריגער ערשיינונג און ענדגילטיג צו ליקווידירען די געהיימע שחיטה, איז אויף א בשותפות'דיגע קאָנפערענץ פון די ביזאיצטיגע און ניי־אויסגעוועהלטע קהלה אָרגאַנען בעשלאָ־סען געוואָרען צו העכערען דעם עטאַט מיט דער סומע, וואס די שחיטת־עופות האט אַריינגעבראַכט אין דער קהלה־קאַסע, כדי אזוי ארום צו בעפרייען די שחיטת־עופות פון אָבצאָהל.

אין דער פּראַקטיק שטעלט זיך דער פּראָיעקט פאָר אויפ'ן פאָלגענדען אופן: יעדער, וואס וועט שעכטען אַנ'עוף, קויפט אויס אין איינעם פון די בעשטימטע פערקויפס־פונקטען א שחיטה־קוויטעל, וואס איז פערזעהן מיט א קופּאָן.

בּיים פאָרשטעלען דעם קופּאָן אָדער אַ רייהע קופּאָנען אין דער קהלה־קאַנצעלאַריע ווערט דער בעטרעפענדער סכום אַראָבגערעכענט פון עטאַט, מיט וועלכען די געגעבענע פערזאָן איז בעשטייערט געוואָרען.

מיט'ן העכערען דעם עטאַט מיט דער הכנסה־סומע פון דער שחיטת־עופות און צוציהען דערביי צום עטאַט אלע טשענסטאָכאָווער יודישע איינוואוינער, וועט קיינער פאַקטיש נישט בעלאַסטעט ווערען מיט א גרעסערען אָבצאָהל לטובת דער קהלה, נור דאס וועט געבען די מעגליכקייט די ביזאיצטיגע הפקרות אויפ'ן שחיטה־געביעט אויסצוּוואָרצלען און ענדליך א סוף צו מאַכען צו דער געהיימער שחיטה, דורך וועלכער הונדערטער יודען ווערען געשטרוי־כעלט אין כשרות און פעראורזאַכט גרויסע פינאַנסיעלע שאָדענס דער קהלה.

דער פערקויף פון די נייע שחיטה־קוויטלעך מיט קופּאָנען וועט זיך אָנהויבען מיטוואָך, דעם 24 ד.ח. א גרעסערע צאָהל שחיטה־קוויטלעך אויף אַ לענגערער צייט וועט מען בעקומען נאָר אין דער קהלה־קאַנצעלאַריע.

קהלה־פערוואַלטונג אין טשענסטאָכאָוו

פרעזעס: י. ראָזענבערג

דעם 18 מערץ (ו' ניסן) 1937 י.

Wielce Szanowny Czytelniku!

Czy już wiesz, że WORLD-RADIO posiada stale na składzie odbiorniki radiowe przodujących firm krajowych i zagranicznych?

CAPELLO—licencja: Radiofabrik „Ingelen", Wiedeń
HORNYPHON, Wiedeń — SELECTRIT-ZERDIK, Wiedeń
KOSMOS S.A, Warszawa — RADIO-UNION, Warszawa

— oto firmy, które reprezentujemy.

Przed kupnem odbiornika zasięgnij przeto u nas bezpłatnej porady fachowej; unikniesz rozczarowania i niepotrzebnych utrapień. Fachowa i sumienna obsługa — to gwarancja zadowolenia.

Zakłady radiotechniczne
WORLD-RADIO
Spółka Komandytowa
N. M. Panny 24. Telef. 25-75.

איבערראַשענדע נייעס פאַר די טשענסטאָכאָווער בעל־הבית'טעס!

אויב איהר ווילט האָבען דעם אמת'ן עונג יום־טוב אויף פסח!

וועט היי־יאָהר די לאנגיעהריגע פירמע פון

י. באָזשיקאָווסקי, ווארשאווער גאס 9

זיין פער־זעהן מיט **מאַקאַראָנען** פון ריין־געשייל־טע מאַנדלען **פון 2.50 ביז 5** זלאָטעס אַ קילאָ

אויך איז מיין געשעפט פערזעהן מיט **טאָרטען, זיסטען, צוקערוואַרג, שאָקאָלאַדען** פון די בעסטע פירמעס.

ס'ווערט אויך אָנגענומען **הויז = באַק** וואס ווערט אויסגעפיהרט שנעל.

בעמערקונג: פאַר דיאַבעטיקער צוקער־ליידענדע איז צו בעקומען ספּעציעל געבעקס.

זאָלען אַלע וויסען,

אַז נישט דוקא אין די אַלעען, נור אויך אין נייעם מאַרק
איז די רעיעלסטע און די בּיליגסטע קוועלע, וואו
עס געפינט זיך שטענדיג אַ גרויסער אויסוואַהל
פון מאָדערנע וואָל און זיידענע סחורות, גאַרדינען, פּלוש־דעקען אַלערליי ווייסוואַרען, פולקאָמע אויסשטייערן, הורט און דעטייל
און דאס איז ביי

ZUSMAN KRAUZE
CZĘSTOCHOWA, NOWY RYNEK № 6.

הנני מודיע בזה כי יש אצלי למכור **מצות שמירה** כשר אפילו למהדרין מן המהדרין

№ 28 גאַריבאַלדיעגא

הרב וועלטפרייד.

צערעס

כשר לפסח

כשר פסח'דיג, נויטווענדיג
צום קאכען, באקען און בראטען

צערעס דער אידעאלער קאקאס-פעטס ווערט אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאווינא
און קען עמפפעהלט ווערען אפילו למהדרין מן המהדרין. עכט בלויז אין אריגינאל פאקונג צו ½, ¼, ⅛ קג. אהן פאקונג קיינמאל נישט עכט.

געלד פון טשענסטאכאווער רעליעף-קאמיטעט אין אמעריקא פאר היגע אינסטיטוציעס.

דער טשענסטאכאווער רעליעף-קאמיטעט אין ניו-יארק האט מיט עטליכע וואכען צוריק לויט'ן ביישפיל פון פערגאנגענעם יאהר איינגעארדענט א גרויסען באל, פון וועלכען די הכנסה איז בעשטימט געווארען פאר היגע יודישע פילאנטראפישע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס.

מיט עטליכע טעג צוריק זענען טאקי אויפ'ן אדרעס פון א רייהע היגע אינסטיטוציעס אנגעקומען פון דערמאנטען הילפס-קאמיטעט פערשידענע געלד-סומען, וועלכע בעשטעהען פון 50 ביז 250 דאלאר פאר אן אינסטיטוציע.

א דאנק דער דאזיגער הילף פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים וועלען די דערמאנטע אינסטיטוציעס האבען די מעגליכקייט אונטערצושטיצען די גרויסע צאהל פרנסה'לאזע און בעדערפטיגע יודען אין אונזער שטאדט.

נדבות פאר דער געז.
תומכי עניים

ה' שלום האנדעלסמאן און פרוי צוליעב זייער ניי-געבוירען זוהנדעלע 5 זל.

פרוי בלימה שיינדל פרידריך צוליעב דעם ניי-געבוירענעם אייניקעל 10 קילא ברויט.

ה' אהרן קעמפינסקי צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 10 קילא ברויט.

ה' ב. באטשאן צו דער יאהרצייט פון זיין טאכטער 10 קילא ברויט.

ה' אברהם ענזעל א נדר 20 קילא ברויט.

ה' לייביל בייגעלע א נדר 3 קילא ברויט.

ה' שלמה פישמאן און פרוי צוליעב זייער חתונה פון זייער זוהן 2 זל.

פרוי רוזשאק צוליעב דער חתונה פון איהר טאכטער 1 זל.

ה' קאליכארי 50 גר.

ה' גיימאן 40 גר.

פאר'ן שפיטאל

ה' שלום האנדעלסמאן 5 זל.

ה' ישראל לעווקאוויטש האט אריינגעטראגען אין דער רעד. פון א סכסוך מיט ה' פישעל 4 זל. פאר'ן שפיטאל, 3 זל. פאר תומכי עניים און 3 זל. פאר מחזיקי הדת.

פייערליכע תפילות אין דער שטאדט-שוהל.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן נאמענסטאג פון מארשאל רידז-שמיגלי איז נעכטען אין דער פריה פארגעקומען אין דער שטאדט-שוהל א פייערליכע תפלה.

אין שוהל זענען געווען פערזאמעלט די שילער פון ד"ר אקסער'ס גימנאזיום און פון א רייהע פאוושעכנע שולען.

חזן כאלעצוואַ. ויכט אַב די גאטעס דיענסט, דער דיין ר' יוסף פראקאש זאגט א ספעציעלע תפילה און אדוו. ד"ר לייב אש האלט א לענגערע רעדע מענינא דיומא.

מיט'ן געזאנג פון פוילישען הימן איז די פייערונג פערענדיגט געווארען.

אבקלאנג פונ'ם פארפאל אין דער קאפאלניע אין אלשטין.

מיט עטליכע טעג צוריק איז געוועזען געמאלדען וועגען דער טראגישער פאסירונג אין דער קאפאלניע אין אלשטין, וואו ס'איז צוליעב א דינאמיט-אויפרייס, וואס דינט אויפצורייסען די שטיינער, אומגעקומען דער 26-יעהריגער ארבייטער משעסלאוו פושיטולסקי.

ס'איז דאמאלס ארויסגעזאגט געווארען די השערה, אז פושיטולסקי איז בעגאנגען זעלבסטמארד. די דאזיגע השערה בעשטעטיגט זיך טאקי יעצט, ווייל די אויספארשונג האט ארויסגעוויזען, אז פושיטולסקי האט זיך אריינגעלעגט אין מויל אריין א דינאמיט-קויל, וועלכע האט ביים אויפרייס איהם אבגעריסען דעם קאפ.

וויין, מעד | לעזט אויפמערקזאם! | וויין, מעד

די אלטע עקזיסטירענדע
וויין=און מעד=פאבריק
לייביש גאלד נייער מארק 11

מאכט בעקאנט די יודישע בעפעלקערונג אין טשענסטאכאוו, אז זי איז פערזעהן מיט א גרויסען לאגער פרימא, עכט-ריינע, אונגארישע, טאקאי און הודיאלא-וויין, ווי אויך עכט-כשר'ן ריינעם אונגארישען טרויבען רויט-וויין פאר צוקער- און מאגען-ליידנדע. אויך צמוקים וויין אויף ערבע כוסות.

בעמערקונג: צוליעב'ן קריזיס זענען די פרייזען זעהר פערביליגט.

וויין, מעד | כשר לפסח! | וויין, מעד

דער פסח קומט אן!

דעריבער דארף יעדער וויסען, אז
ריינע מאנדעל מאקאראנען, מאנדעל-טארטען, צוקער-קוכען, אייער-מצות, זעמטליכע צוקערווארען, ווי אויך ווארשאווער שאקאלאדען
איז נאר צו בעקומען ביי די לאנג-עקזיסטירענדע פירמא

חיים קאלקא, אגראדאווא № 6

בעמערקונג: איך נעם אן צו באקען אלערארט צוקער-געבעקס אויף פסח.

אכטונג ג' קונדשאפט! ביי מיר ווערט אנגענומען פון שבת-צו-נאכטס

הויז=באק אויף צוקער=געבעקס

און ס'איז אויך צו בעקומען אלערארט געבעקס אויף פסח

מ. שליווקא, בערקא יאסעלעוויטשא № 7

בעמערקונג: א גאנץ יאהר ווערט אנגענומען צו באקען אויף חתונות, סעודות א. א. וו.

די קעסלען צו כשר'ען כלים וועלען נישט ארומפאהרען איבער די גאסען

בעשטימט 19 פונקטען צום דאזיגען צוועק.

די קהלה פערוואלטונג האט זיך בעמיהט, אז אזוי ווי פאר א יאהרען זאלען אויך היי-יאהר, צוליעב די הערשענדע בעדינגונגען, נישט ארומפאהרען איבער דער שטאדט די פוהרלעך מיט קעסלען, אין וועלכע ס'ווערען גע'כשר'ט כלים אויף פסח. צו דעם צוועק זענען בעשטימט געווארען אין דער שטאדט 19 פונקטען, וואו ס'וועלען זיך אויף די הויפען געפונען אזעלכע קעסלען און וואו די יודישע איינוואוינער וועלען קענען לאזען כשר'ן די כלים.

היות ווי פון ארומפיהרען די דאזיגע קעסלען פערדינען אויף פסח אנ'ערך 30 יודישע פאמיליעס, וועלכע האבען לטובת דער אלגעמיינער זאך פריוויליג זיך אבגעזאגט פון ארומפאהרען איבער די גאסען, דארף די יודישע בעפעלקערונג פון איהר זייט [illegible]קעגענקומען די קעסלען אייגענטימער און שיקען צום כשר'ען די כלים אין די בעשטימטע רעוויר ען.

ליקווידירט אקופאציע-שטרייקען.

— שבת איז ליקווידירט געווארען דער אקופאציע-שטרייק אין דער פאבריק „וואולקאן", וועלכער דויערט שוין א גאנצען חודש. דער דעלעגאט אבזשוט, וועלכער איז דורך דער דירעקציע דערוויטערט געווארען, האט בעקומען ענטשעדיגונג און צוליעב דעם האבען די שטרייקענדע רעזיגנירט פון זייער פערלאנג איהם צוצונעמען צוריק צו דער ארבייט. ארום 2 א זייגער מיטאג האבען די ארבייטער פערלאזט די אקופירטע פאבריק, וועלכע זאל שוין היינט זיין טעטיג נארמאל.

— עס איז אויך ליקווידירט געווארען דער אקופאציע שטרייק אין דער פאבריק פון צעלולאיד-אויסארבייטונגען בערקאוויטש, שפיץ און קינסטליכער אויף פולאסקי גאס. די ארבייטער בעקומען א הוספה פון אנ'ערך 30 פראצענט.

ליקווידירט א געהיים בוייזעל.

מיט עטליכע טעג צוריק האבען די אקציז-בעאמטע מאריאן שאטא און אלעקסאנדער מענקאכש ליקווידירט אין קלאבוצק א געהיים בראנפען-ברייזעל. די דאזיגע קאנקורענטין פונ'ם ספירטוס-מאנאפאל איז געווען די פרוי מאניאווא, וועלכע האט געעפענט די פלאשען בראנפען און נאכ'ן אויסמישען מיט וואסער צוריק געלאקעוועט מיט געלד-מטבעות.

די אקציז-בעאמטע האבען מיטגענומען עטליכע פלעשלעך בראנפען און צוזויפגעשטעלט א געהעריגען פראטאקאל.

פון קאמעראל-טעאטער.

היינט, פרייטאג 8.30 א זייגער אוונד ווערט געשפילט די 3 אקטיגע קאמעדיע פון אדאם גזשימאלא-שעדלעצקי א. ט. „דער איינברוך" ביים אנטייל פון גאנצען ארטיסטען צוזאמענשטעל. רעזשי: קאזשימיעזש פארבראט; דעקאראציעס: קראסאווסקי.

צושלאגען געווארען דורך ארבייטער

וואצלאוו גראובער פון לעשנא-גאס 7 האט געמאלדען דער פאליציי, אז בעת ער איז געקומען אין דער גלאז הוטע „סטראדאם" אבנעמען א חוב, איז ער צושלאגען געווארען דורך די ארבייטער: יוזעף גאלא, זיגמונט פלארטשיק, פראנטשישעק סקווארטשינסקי, טשעסלאוו קאזאק, היידוק און קרושטשינסקי.

KINO „EDEN".

Errol Flinn
Olivia de Havilland
אינ'ם אונשטערבליכען קונסטווערק

SZARŻA
lekkiej brygady

פרייזען פון 54 גר. אן.

WORLD-RADIO

Świat w domu...

Urok dni świątecznych podnosi niepomiernie odbiornik

WORLD-RADIO

Precyzja wykonania w połączeniu z artystycznym wyglądem zewnętrznym stwarza piękną harmonijną całość.

„**MAZUR**" i „**POLONEZ**" oto nazwy odbiorników o cenach popularnych i wykonaniu luksusowym.

Zakłady Radiotechniczne
„WORLD-RADIO"
Spółka Komandytowa
ALEJA 24. TELEF. 25-75.

צו וואס פערלירען אומזיסט צייט?

ווען אין דער בעקעריי פון
לייב פשעראווסקי, אלעע 1
אדער נייער מארק 15

באקט מען צוקער = קיכען אויף פסח אין פערלויף פון 75 מינוט (אמעריקאנער סיסטעם).

די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט דורך די געניטע פאכלייט: אברהם ראזענבלאט, א. י. ווייסבראט.

בעמערקונג: מיר נעמען אן בעשטעלונגען אויף אלערארט געבעקס.

וויין און מעהד לכבוד פסח!

די בעוואוסטע פירמע
„ווינדראבאנא" סאסנאוויץ
האט געעפענט אין טשענסטאכאוו אלעע 12

(פראנט-געוועלב)

א פערקויף פון די בעסטע ווייבען אויף ארבע כוסות

אונגארישע, עסטרייכישע, יין-צמוקים אויף ארבע כוסות א. א.
די פרייזען זענען זעהר צוגענגליכע.

דער פערקויף קומט פאר אונטער דער אויפזיכט פון **שמואל גאלד.**

to wyborne przysmaki i treściwe pożywienie

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.
Niezrównana książka z przepisami D-ra A. Oetkera pt. „Dobra gospodyni piecze sama" jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych, księgarniach i u naszego zastępcy.
Cena obniżona 30 gr.

Kino „LUNA"

נייער טריומף פון
פראנטשישקא גאאל
אין דער אויסגעצייכענטער קאמעדיע
PANNA LILI
אין די הויפט-ראלען:
האנס יאריי, שעקע שאקאל.
איבער'ן פראגראם: קלאנג - צוגאבע.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

פרעהליכער, שעהנער און אנגענעהמער פילם א. ט.
2 DNI MIŁOŚCI
אין דער הויפט-ראל די ווינער ארטיסטין
מאגדא שניידער.
איבער'ן פראגראם: פאט און פאראמונט.